**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# Der neyer "Seyfer ha-drosheṡ"

a bukh fir ale Iden ; enṭhalṭ ariber hunderṭ drosheṡ

Sefer Be-reshit - parashot Ṿa-yera, Ḥaye Śarah

**Shṿemer, Shemuʾel**
**שוועמער, שמואל**

**Iaşi, 1937**

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-4437**

Visual Library

# דער נייער „ספר הדרשות"

## א בוך פיר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

איין יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים וועלכע
באהאנדלען די ברענענדיגסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום
פון די נאָענט ערשטע צייטען ביז אין די געגענווארטיגע צייט.

ובסוף כל סדרה, לקוטים מטבחר הדרוש, על הפסוקים
ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשות.

ערשטער טייל

ספר בראשית

דריטער העפט פרשות וירא, חיי שרה.

פירטער העפט. פרשה תולדות.

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון פערשידענע ספרים אין העברעאיש און אידיש, און ארויסגעבער
פון די „אידישע וויסענשאפט", א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע
וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

יאסי תרצ"ז

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile și templele din țară de

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

autorul mai multor opere literare și științifice.

IAȘI 1937

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iași
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitätsbibliothek

# דער נייער „ספר הדרשות״

## א בוך פיר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע
בעהאנדלען די ברענענדינגסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום
פון די גאנץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענוועהרטיגע צייט.

ובסוף כל סדרה, לקוטים ממבחר הדרוש, על הפסוקים
ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשות.

ערשטער טייל

ספר בראשית

דריטער העפט, פרשות וירא, חיי שרה.

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עבראיש און אידיש, און ארויסגעבער
פון די „אידישע וויסענשאפט״, א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע
וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

יאסי תרצ״ז

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite
ocaziuni în sinagogile și templele din țară de

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

autorul mai multor opere literare și științifice.

**IAȘI 1937**

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iași
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

ישעיה במוהר"ר רייכער
רב באיזמאיל

ב"ה

אי אפשר שלא לשמוח על ההופעה הספרותית החשובה של הרב היקר, חכם וסופר, מוהר"ר **שמואל שוועמער** נ"י:

**דער נייער ספר הדרשות** על סדר פרשיות התורה בשפת העם. הרב המחבר מחונן בכשרון דרשני מושך את הלב, בסגנון עממי יפה, ובעט סופר מהיר. הוא משמיע לעם דברים יפים ודבריו נכנסים אל אזן שומעת.

בדור עני כדורנו, שמעינות התורה סתומים בפני מרבית עמנו וא"א להם ליהנות מדברי תורה במקורם, ברוכים יהיו אלו הסופרים החרדים, הפונים את לבבם לצרכי ההמונים ועושים להם מטעמים מלחמה של תורה בלשון שהם מבנים: „**מורה צדק לעדתו, בתוכם יציב שכינתו**".

ברכה מרובה שרויה גם בהמטעמים שהכין לתופשי התורה: אמרות יפות וטהורות, משלו ומשל אחרים, בסוף כל דרוש, גם מהמאמרים שהביא משל אחרים, ניכר חוש בקורתי וטוב טעם ספרותי היודע מה שהיא בוחר לו.

**חמרא למריה, טיבותא לשקייה!**

**ישעיה רייכער** רב באיזמאיל

איזמאיל, כסלו תרצ"ז.

פארזעצונג פון די נעמען פון די אנשים חשובים וועלכע האבען זיך אבאנירט אויפ'ן נייעם „ספר הדרשות' און האבען גע־געבען איינגאבע, יהי' זכרם ברוך ובזכות תורתינו הקדושה זאלען זיי געבענשט ווערען מיט כל טוב אמן.

## יאסי (פארזעצונג)

הנגיד הנ' מר יצחק נאכט נ"י
. . . יהושע גראסוואלד נ"י
. . . מנחם מאניש פרענקיל נ"י
. . . אברהם ווידענפעלד .
. . . שמואל בערענשטיין .
. . . אינו. נ. בוכמאן .
. . . שמחה בונם קאושוך .
. . . ברוך נימפעלמאן .
. . . צבי שפירא .
. . . זאב ניטים .
. . . ירוחים פישל הנקרא פילים שיללער .
. . . זאב בוכמאן .
. . . ל. אקסענבערג .
. . . מענדיל כ"ץ .
. . . יהודה ליב מאשקאוויטש .
. . . אחים הירשענזאהן .
. . . אחים מעלמאן .
. . . אחים ראזענצווייג .
. . . ניסן ארושינטאר .
. . . אברהם ליכטענשטיין .
. . . ל. אהראנאוויטש .
. . . פנחס סאלאמאן .
. . . אברהם יודילאוויטש .
ע"נ אביו ר' משה יודילא־וויטש ע"ה.
. . . יוסף יאקאב ע"נ אביו ר' אייזיק יאקאב ע"ה

בהכ"נ קיטראריס גדולים ע"י הגבאים ר' קאפיל קאפילאוויטש ור' איליק דאווידאוויטש

. קיושנירס ע"י הגבאי ר' ניסן סגל
. קאטענבערג ע"י הגבאי ר' ירוחים פישל כ"ץ נ"י.

## פאלטישען

דר. שמואל בערקאוויטש נ"י
הנגיד הנ' מר יוסף ברעכער .
. . . יוסף ראשו .
. . . יעקב וויינגארטען .
. . . אלטער ישראלאוויטש .
. . . נפתלי ראהרליך .
. . . משה גראפער .
. . . יצחק בערמאן .
. . . נחום ב"ר אברהם דוד לעסנער .
. . . צבי ב"ר מרדכי זכריי' האבערמאן .
. . . יוסף ב"ר יהודא ארי' .
. . . נאטאהן חיימאוויטש .
. . . זאלמאנאוויטש .
. . . יחזקאל הערמאן .
. . . אליעזר שאפער .
. . . משה בן צבי .
. . . אלי' שור .
. . . יעקב זעקלער .
. . . משה אשר נאטאנזאהן .

בהכ"נ ר' יאיר ע"י ר' ישראל גאלד־שמיט ור' מאיר הירש סגל

## שטעפאנעשט

הנגיד הנ' מר שמאי גאלדענבערג ע"נ אביו ר' אברהם משה ע"ה וע"נ אמו טעמי לאה ע"ה וע"נ אחיותיו האדיל ופיינא ביילא ע"ה וע"נ ניסו יצחק ע"ה ו' מ"ת יוטא גאלדענבערג ע"נ אמה שרה רחל ע"ה וע"נ זקנה מענדיל ב"ר משה גרשון ע"ה וע"נ דודה ר' יוסף חיים ודודתה חנה ע"ה.

הנגיד הנ' מר ישעי' עלקים ש"וב נ"י
. . . יונה וויינער .
. . . יוסף חיים לאזאראוויטש

(פארזעצונג אין קומענדען העפט)

# וירא·

## א.

## טעמא: די אידישע מוטער און די אידישע זין.

די וויכטיגסטע פראבלעמע וועלכע דארף אונז איצט אלע אינטערעסירען איז אהן א שום ספק די פראבלעמע פון קינדער ערציונג. מיר זעהען ווי אזוי אונזערע קינדער וואקסען אויף אהן אידישע געפיהלען, פרעמד פונ'ם אמת'ן אי־דישען נייסט, מיר זעהען ווי אונזערע קינדער ווערען פארפרעמדט פון אלע היילי־טימער וועלכע זענען געוועהן א נויטווענדיגקייט פאר די אידען פון פרירינגען דור און ווען מיר ווילען זיך פארשטעלען ווי אזוי דאס אידישקייט, אונזער תורה, אונזער קולטור, אונזערע שילען און בתי מדרשים, וועלן אויסזעהן אין דער צייט ווען די אידען פון פרירינגען דור וועלען שוין נישט מעהר זיין און דאס גאנצע כנסת ישראל וועט באשטעהן פון אונזער יונגען דור, וועלכער איז אויפגעצויגען גע־ווארען אויפ'ן נייעם חנוך, כאפט אונז אן א פחד און א מורא און עס קומט אונז אוים צו גלויבען אז אזא אידענטום וועט נישט קענען אויסהאלטען חלילה און מי יודע די ענדע פון אזא כנסת ישראל . . .

נור ווען מיר זאלען זיך אליין שטעלען די פראגע, ווער איז שולדיג אי'ן דעם פארלאזטען חנוך בא אונז, וועמען זאלען מיר פאראנטווארטליך מאכען פאר דעם וואס אונזערע קינדער ווערען אויפגעצויגען פרעמד פונ'ם אמת'ן אידישען נייסט, דעם טאטען צו די מאמע? צו זאלען מיר ארויף ווארפען די גאנצע שולד אויף דעם אידישען טאטען וועלכער האט אראב גענומען פון זיך די גאנצע דאגה פון א אידישען חנוך און האט נישט מעהר דעם אינטערעס פונ'ם אמאליגען איד וועלכער דאט זיך ממש מוסר נפש געווען אז זיין קינד זאל אויסוואקסען א איידעלער איד, א בן תורה, צו זאלען מיר בעשולדיגען די אידישע מוטער וועלכע האט נישט מעהר דעם ווילען פון דער אמאליגע אידישע מאמע, וועמענס אידיאל איז געווען אז איהר קינד זאל אויסוואקסען א אמת'ער איד און נאך ליגענדיג אין וויגעלע האט זי איהר קינד אנשלייפט מיט דעם לידעלע: אונטער דעם קינד'ס וויגעלע, שטעהט א גאלדען ציגעלע, דאס ציגעלע איז געפאה־רען האנדלען, ראזשינקעס מיט מאנדלען, דאס איז די בעסטע סחורה,

דאס קינד וועט לערנען תורה... ספרים וועט ער שרייבען, א גוטער און א פרימער איד וועט ער בלייבען... די היינטיגע אידישע מוטער האט נישט מעהר אזעלכע באגערען און איהר קינד וואקסט דאריבער נישט אויס קיין גוטער און פרומער איד, וואס זאל וויסען אז גאט'ס תורה איז די בעסטע סחורה. דאס היינטיגע אידישע קינד ווייסט פון פיל אנדערע סחורות וועלכע זענען בא אים בעסער און טייערער אלס זיין טאטענס און זיין זיידענס תורות.

ווען מיר זאלען זיך אליין וועלען אבגעבען דין וחשבון און ענטפערען אויף דיזער פראגע, ווער ס'איז שולדיג אין אונזער פערלאזטען חנוך פון אונזערע קינדער, צי דער אידישער טאטע צי די אידישע מאמע, וואלטען מיר מיט רעכט געזאגט אז די גאנצע שולד דארפען מיר ארויף ווארפען אויף דער אידישער מאמע ווייל דעם אידישען טאטען קענען מיר נישט אין אונזערע צייטען בעשולדיגען און איהם פעראנטווארטליך מאכען פאר די שלעכטע אידישע ערציונג פון זיינע קינדער, זעהען מיר דען נישט ווי אזוי אידישע פרנסות זענען אין די לעצטע צייטען שווער געווארען, דער קאפ פונ'ם אידישען פאמיליען פאטער דרעהט זיך ווי א מיל, דער טאג טראגט איהם ארויס און די נאכט ברייננט איהם אריין, די אידישע געשעפטען זענען אזוי פארדרעהט, אז דער איד קען אפילו זיך אליין נישט בע־טראכטען, איצט איז מקוים געווארען בוכשטעבליך רער מאמר פון אונזערע חכמים קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף [1]) אזי אידישע פרנסות, דאס איז נאר א מליצה, ווייל אין אמת'ן האבן גאר אידען נישט קיין פרנסה, איצט איז בא אידען מקוים געווארען נאר א האלב פון דער קללה וואס השי"ת האט געשאלטען אדם'ן נאך דעם וואס ער האט געזינדיגט, בזעת אפך תאכל לחם [2]), בזעת אפך, איז בא אונז אלע מקוים געווארען, אבער דער תאכל לחם נישט. ווייל כמעט קיינער פון אונז אידען — א חוץ נאר א קליינעם פראצענט — פארדינט אויף פרנסה, מיר זעהען ווי אזוי יעדער טאג ווערט פארגרעסערט דער קאנטינגענט קבצנים אין אידישען לאגער, יעדען טאג ווערט פארגרעסערט די צאהל עניים ואביונים בא אידען וועלכע נויטיגען זיך אין הילף, און ווען עס דאכט זיך אפילו אויף איינעם אז ער איז א עושר, איז עס גאר צבגעלייגט ווייל מארגען וועט זיך ארויסווייזען דער גרויסער דעפיציט אין זיינע געשעפטען.

איהר האט מן הסתם געהערט רבותי, די געשיכטע פון יענעם ארימאן מיט'ן באנקיר. מ'דערצעלט אז א ארימאן איז אמאל אריין געקומען אין א באנק הויז נאך א נדבה, אין באנק הויז איז קיינער נישט געוועהן נאר דער באנקיר אליין וועלכער איז געזעסין מיט'ן קאפ אנגעבויגען איבער די ביכער, דער באנקיר דער־זעהענדיג דעם א־ימאן, האט ער איהם געהייסען ווארטען אביסעל, דער ארימאן

1) פסחים קי"ה. 2) בראשית ג'.

האט געווארט, אבער דער באנקיר קוקט ווייטער אין זיינע ביכער און ענטפערט אים נישט, דער ארימאן רופט זיך דאן אן צים באנקיר, הער, וואס לאזט איהר מיך אזוי פילווארטען, אדער גיט מיר א נדבה אדער הייסט מיר געהען. ווארט נאך א ביסעל, איך בעט אייך, האט אים דער באנקיר נאך א מאל געזאגט, איך האלט אין איבערקוקען מיינע חשבונות, איך דארף שוין א באלד ענדיגען און עס קען זיין אז איך וועל דערזעהן דעם אונטערצי פון מיינע חשבונות וועל איך דארפען מיט אייך צוזאמען געהען אין די הייזער . . .

עס פארשטעהט זיך אז אונטער אזעלכע אומשטענדען, ווען אידישע פרנסות זענען אזוי שווער, קע.ען מיר דעם אידישען טאטען, וועלכער יאגט זיך שטענדיג ארום, אריין צו ברענגען די זינדיגע פרנסה, נישט פאראנטווארטליך מאכען פא׳רן פארלאזטען הנוך פון זיינע קינדער.

איך זאג די זינדיגע פרנסה, ווייל מ׳האט א מאל א אידען געפרעגט פון וואס ער לעבט, האט ער געענטפערט, די משנה זאגט: יש אוכל אכילה אחת וחיב עליה ארבע חטאות ואשם אחד [1], פאראן איינער עסט איין זאך און פערשולדיגט זיך פיר חטאות׳ען און איין קרבן אשם. איך בין פארשטעהט איר מיך, א זינדיגער מלמד, א זינדיגער שדכן, א זינדיגער מעקלער און א זינדיגער בעל־תפלה, האט איהר פיר חטאות, און אחר כל אלה, בלייב איך כסדר שולדיג אין קרעמעל פון שפייז, הייסט עס, אשם אחד. מיר קענען דאריבער אין א געוויסער מאס, דעם אי־דישען טאטען נישט בעשולדיגען און אויף איהם ארויף ווארפען די גאנצע פאראנ־טווארטליכקייט פון די שלעכטע ערציונג פון אונזערע קינדער די גאנצע שולד פאלט נאר אויף דער אידישער מוטער, וועלכע האט זיך לעצטענס אריין געלאזט אין נאך יאגען די מאדעס, בעזוכען טעאטערען און אילוזיאנען, געהען שפאצירען און פראווען וויזיטען און האט נאר אין גאנצען פארגעסען איהר פליכט צו איהרע קליינע עופעלעך, צו איהרע קינדערלעך, איינצופלאנצען פון קליינערהייט אין זייערע ווייכע הערצעלעך אידישע געפיהלען, אידישע מנהגים אזוי, אז זיי זאלען בלייבען טרייע אידען, אמת׳ע אידען, אויף זייער גאנצען לעבען... אידישע מאמעס, צו אייך רעד איך איצט, הערט אויס און זייט אויפמערקזאם וואס איך וויל אייך דא דערציילען וועגען דער ערשטער אידישער, מוטער שרה אמנו, זאל זי אייך דינען פאר א עקזעמפל און איר זאלט נאך פאלגען איהרע מעשים, און פון איצט אנהויבען תשובה טאן אויף אייערע זינד וואס איהר זינדיגט געגען אייערע איינענע קינדער.

ווען השי״ת האט זיך באוויזען צו אונזער פאטער אברהם און האט איהם געזאגט: שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה, וברכתי אותה וגם

1) כריתות פ״ג מ״ד.

נתתי ממנה לך בן, האט זיך אברהם ווידער אקעגען געשטעלט, און האט געזאגט, הלבן מאה שנה יולד ואם שרה הבת תשעים שנה תלד [1] דא איז ווידער דער עלבער וואונדער אויף אונזער פאטער אברהם דער ראש המאמנים, ווי קומט עס אז גראד דא זאל ער צווייפלען אין גאט'ס רייד, און עס ווערט נאך פארשטארקט די פראגע אויף אונזער שטאם פאטער אז מיר לערנען ווייטער, ווען דער מלאך האט אים געפרעגט, איה שרה אשתך, און אברהם האט אים געענטפערט, הנה באהל, און אז דער מלאך האט איהם ווייטער געזאגט שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך [2] געפונען מיר נישט אז אברהם זאל זיך געווען א־קעגען שטעלען מיט דער זעלבער פראגע וואס ער האט געפרעגט דעם אויבערשטען הלבן מאה שנה יולד, האט דען אברהם געגלויבט דעם מלאך מערער ווי ער האט געגלויבט השי"ת אליין?

דער אמת איז אבער אזוי, ווען השי"ת האט מבשר געווען אברהם'ן אז שרה וועט איהם געבוירען א זין, געווענליך נישט אזא זין ווי ישמעאל, וואס הגר האט איהם געבוירען, נור אזא קינד וואס זאל זיך צו פאסען צו זיין מוטער שרה, האט אברהם זיכער נישט געצווייפעלט אין דער דאזיגער הבטחה פון השי"ת, ער האט אים אבער געשטעלט א פראגע אין א אנדער זין, אמת רבוש"ע, האט אונזער פאטער אברהם געזאגט צו השי"ת, אמת, איך צווייפעל נישט אויף א אהר אין דיין הבטחה, די מוזט דאך אבער מיר צוגעבען, אז צו האבען א קינד וועלכער זאל אויס וואקסען ווי עס פאסט פאר שרה, מוז מען אוועק לעגען כחות און א בעזונדערן געדולד איהם אויפציהען אין מיין גייסט און אין דעם גייסט פון זיין פרומע מוטער שרה, און איך בין שוין הונדערט יאהר אלט, צו וועל איך נאך האבען די מעגליכקייט וועגען די ערציהונג פון דעם קינד, ער זאל אויסוואקסען שרה'ס זין, הלבן מאה שנה יולד? ווען איך בין שוין אלט הונדערט יאהר און עס פעהלען מיר שוין די פעהיגקייטען וועגען אזא סארט ערציונג, קען דען אויס־וואקסען א זין ער זאל פאסען פאר זיין מוטער שרה.

צוליב דיזער בארעכטיגטע פראגע פון אונזער שטאם פאטער אברהם, האט איהם השי"ת געשיקט דעם מלאך, ער זאל איהם פרעגען, איה שרה אשתך, דערמיט האט אים דער מלאך געמיינט צו פרעגען, זאג נאר אברהם, ווי איז דיין ווייב שרה, דאס הייסט וואו איז איהר ריכטיג פלאץ, וואו פארברייננט זי איהר צייט, איז זי א אמת'ע אידישע פרוי וואס אויף איהר איז געזאגט געווארען, כל כבודה בת מלך פנימה, צו איז זי א אמת'ע אידישע פרוי אויף וועלכע אונזערע חכמים האבען גע־זאגט, ביתו זו אשתו [3], א ריכטיגע אידישע פרוי וועלכע לעגט אוועק אלע איהרע כחות, איהרע גאנצע ענערגי וועגען איר הויז, צו איז זי א פרוי וואס מ'געפינט

1) בראשית י"ז. 2) שם י"ח. 3) יומא ב'.

די נאר זעלטען אין דער היים, א פרוי וועלכע האט נאר א קליינעם אינטערעס אין איהר איינען הויז, א פרוי וואס זאנטיג געהט זי אין טעאטער, מאנטאג אין אילוזיאן, דינסטיג אין צירקוס, מיטוואך אויף א באל, דאנערשטאג שפאצירען אויפ'ן בולווארד, פרייטיג אויף א וויזיט צו איהרע חברה'טעס און שבת ווידער אין טעאטער, זאג מיר אברהם, האט דער מלאך געזאגט צו אברהמ'ן, איה שרה אשתך, וואו איז דאס פלאץ פון דיין ווייב שרה, אין דער היים צו אין טעאטער, אין איהר איינען הויז, צו אויף בעלער. אונזער פאטער אברהם האט זעהר גוט פארשטאנען די פראגע פונ'ם מלאך און האט קורץ און פעסט געענפערט, הנה באהל, דאס פלאץ פון מיין ווייב שרה איז אין איהר איינען געצעלט נישט אויף בעלער און שפאצירונגען, אויב אזוי האט איהם דער מלאך ווידערהאלט, האסטו קיין זארג נישט אברהם, וואס ביזט שוין אלט הונדערט יאהר, שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך, איך וועל מיך אין א יאר ארום, אין דער צייט אום קערען און דיין ווייב שרה וועט האבען א זין, דיין ווייב שרה אויף וועלכער די זאגסט, הנה באהל, אז איהר גאנצער שטרעבונג איז איהר איינען הויז, זי וועט שוין האבען א זין וואס זאל איר פאסען — און זארג נישט אברהם וואס די ביזט שוין הונדערט יאהר אלט, ווייל די האסט זיך אויף וועמען צו פארלאזען, אזא פרוי וואס איהר פלאץ איז אין איהר אייגען הויז, ערציהט אמת'ע אידישע קינדער.

וואלטען מיר היינט אויך געקענט ענפערען אויף דער פראגע איה שרה, רחל, חנה אשתך, הנה באהל, וואלטען בא אונז איצט אויך איסגעוואקסען העכט אידישע קינדער, ליידער ווען מ'פרעגט אבער היינט א אידען, איה שרה אשתך, קען ער נישט ענפערען אזוי ווי אונזער פאטער אברהם, הנה באהל, איצט קען א איד ענפערען אויף דער דאזיגע פראגע, הנה בטעאטער, הנה בבולעווארד, און ווען די אידישע מאמע איז נישט באהל, ווערט דער חנוך הבנים בא אונז פארנאכלייסיגט און עס וואקסען אויף בא אונז קינדער וועלכע זענען פרעמד פון אידישקייט און פון אידישע געפיהלען.

און אויב איהר ווילט זיך שאפען א בילד פון היינטיגען דור, קומט איך בייט אייך אריין אין דער פריה אין א שיל וואו עס איז נאך דא אלע טאג מנין און איר וועט דערזעהען א „אידישען זין" וואס קומט „זאגען קדיש" נאך זיין פארשטארבענע מוטער אדער פאטער, דער זין איז א אינזינער, א דאקטער, א סוחר, אדער א בוכהאלטער, איהר וועט זעהען ווי די גאנצע צערעמאניע פונ'ם אידישען דאווענען איז פאר איהם פרעמד, די תפילין, דער טלית, די תורה באטראכט ער פאר אזעלכע זאכען וועלכע זענען סאר אים פרעמד, ער זעהט נאך צו מאל א חנוכה לעמפעל, א שופר, א מגילה, ער ווייסט פון די אלע זאכען נישט

אויב ער קומט אין שיל גראד פאר שמונה עשרה און דארף איבערווארטען בע־וואונדערט ער ווי אזוי די אידען זאגען די שטילע שמונה עשרה, קלאפען זיך אין הארצען, דער נאך ‚שפרינגען' זיי קדושה, מ'פאלט אויפ'ן פנים בא תחנון און דער ‚אידישער זין' קוקט אן דאס אלעס און ציהט אויף מיט די פלייצעס ער האט דאס אלעס קיין מאל נישט געזעהען און נאך דעם וואס ער וועט ענדיגען דעם קדיש, וועט ער עס ווידער מעהר נישט זעהען.

און קדיש זאגט דער ‚אידישער זין' פון א רומענישען טעקסט, ער קען דעם אידישען אלף בית נישט. . .

און אזעלכע ‚אידישע זינען' פארמעהרען זיך בא אונז און ווי אזוי וועט דאס כנסת ישראל אויסזעהען ווען עס וועט באשטעהן פון אזעלכע אידישע קינדער? זאגט איהר רבותי, איך שווייג, עס פארקלעמט מיך באם הארצען, עס ווארגט מיך אין האלז, איך קען מעהר נישט ריידען . . .

ס'איז שוין די העכסטע צייט די אידישע מאמע זאל זיך בארענקען, זי זאל מעהר אינטערעס אוועק לעגען ווענען די ערציונג פון איהרע קינדער, זאל די אי־דישע מוטער זיך בארעכענען אז זי דארף אונז ליפערען אידישע זין, זי, די אידישע מוטער איז פאראנטווארטליך פאר דעם, זי דארף אבגעבען דין וחשבון פאר די אידישע ערציונג פון איהרע קינדער. אידישע מאמע בארענק דיך און בארעכען דיך און פאריכט דיינע מעשים פון היינט און ווייטער . . .

# וירא·

## ב.

## טעמא: אידישע מדות א מאל און היינט.

זיינע גרעסטע כחות האט אונזער פאטער אברהם אוועק געלעגט מגדל צו זיין זיינע קינדער אויפ'ן געטליכען וועג, אזוי ווי די תורה זאגט אויף איהם עדות אין דער היינטיגער סדרה, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט [1] און פון אונזער פאטער אברהם לערנען מיר, אז די גאנצע ארבייט פון א איד דארף זיין, אז נישט נור ער אליין זאל געהען אין גאט'ס וועג, נור אז אויך זיינע קינדער זאלען זיין טרייע אידען, ווייל דאס איז דער גאנצער תכלית אז די קינדער זאלען פארזעצען די ארבייט פון זייערע עלטערען, ווען נישט איז דאס גאנצע אידישע פאלק אויסגעזעצט די געפאהר עס זאל חלילה נישט אונטערגעהען, אזוי ווי דער פסוק זאגט, ויכל יעקב לצות את בניו ויגוע ויאסף אל עמו [2]) און דעם מאמענט וואס יעקב הערט אויף צו לערנען זיינע קינדער גאט'ס וועג, קען חלילה דאס פאלק אונטערגעהען און אויפעהרען צו עקזיסטירען, און אזוי זאגט אונז די תורה אויך: הנסת־ות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו לעשות את דברי התורה הזאת [3]), די תורה לערנט אונז דא, האטש אין אמת וואלט פאר א מענש אפשר פיל גלייכער געווען, ער זאל בעהאלטען זיין פרומקייט און דינען דעם אויבערשטען בסתר, וואו קיינער זעהט נישט, אזוי ווי עס איז טאקי געווען דער דרך פון פיל חסידים וועלכע האבען זיך מתבודד געווען אין די פעלדער און וועלדער און דארט געדינט דעם בורא עולם, איז אבער דאך פיל בעסער זיך צו באווייזען אין דער עפענטליכקייט מיט אונזער אידישקייט און גוטע מעשים, כדי אנדערע, איבערהויפט אונזערע קינדער, זאלען זיך פון אונז אבלערנען צו זיין טרייע אידען בעלי מעשים טובים, דאס מיינט די תורה אין דעם דערמאנטען פסוק: הנסתרות לה' אלקינו, די פארבאנגענהייט צו דינען השי"ת בכתר איז אפשר גוט, והנגלות לנו, איז אבער פיל בעסער זיך צו באווייזען מיט אונזער אידישקייט אין דער עפענטליכקייט, כדי, ולבנינו לעשות את דברי התורה הזאת, אז אונזערע קינדער זאלען זיך פון אונז לערנען צו זיין אידען.

---

1) בראשית י"ח. 2) דארט י"ט. 3) דברים כ"ט.

און דאס האט אויך געמיינט אונזער פאטער אברהם ווען ער האט זיך געשפעלט בעטען פאר די אנשי סדום און האט אין זיין תפלה געזאגט צום רבוש"ע, אולי יש המשים צדיקים בתוך העיר [1]) אברהם האט מיט די דאזיגע ווערטער געמיינט צו זאגען, עס קען זיין אז צווישען די לייט פון סדום זאל אפשר זיין פארבארגענע צדקים, נסתרים, דאס איז אבער גאר נישט ווערט, ווייל פון אזעלכע צדיקים קען זיך קיינער נישט אבלערנען קיין גוטע מעשים, מ'דארף האבען צדיקים „בתוך העיר" אזעלכע וואס שעהמען זיך נישט מיט זייערע מעשים טובים, מיר דארפען האבען עפענטליכע אידען וואס שעהמען זיך נישט מיט זייער אידישקייט, און מיר זאגען איצט אויך, מיר נויטיגען זיך אין „צדיקים בתוך העיר" עפענטליכע אידען וואס שעהמען זיך נישט מיט זייער אידישקייט כדי אונזערע קינדער זאלען זיך פון זיי לערנען ווי אזוי צו זיין אידען.

ליידער זענען אבער געקומען צייטען, וואס פיל פון אונזערע אידען שעהמען זיך מיט זייער אידישקייט און מיר בעטען דעריבער אין דער תפלה פון פאר ראש חודש בענשען, היים שאין בהם בושה וכלימה, א לעבען מיר זאלען זיך נישט שעהמען צו זיין א איד, ווייל פיל אונז שעמעהן זיך מיט'ן אידישקייט, פיל פון אונז בעהאלטען ווי וויט מיגליך אלע סמנים פון זייער אידישקייט אזוי אז מען זאל נישט וויסען אז זיי זענען גאר בכלל אידען, און די דאזיגע בושה איז פאר אונז א סם המות ר"ל, ווייל זי פירט צו אסימילאציע און אונזער עקזיסטענץ איז אין א גרויסער סכנה . . .

און די בושה, די זעלבע בושה וועלכע איז בא אידען א מאל געווען די שענסטע צירונג און האט אונז פערשאפט די בעסטע און שענסטע מדות, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען אויפ'ן פסוק, בעבור תהי' יראתו על פניכם [2]), זו הבושה [3]) די זעלבינע בושה האט איצט אנגענומען א אנדער פארמע און פירט אונז ארויף אויף די שענדליכסטע וועגען, און דערווייטערט אונז פונ'ם אבת'ן אידישקייט . . .

יא רבותי, אונזערע בעסטע מדות זענען אין די לעצטע צייטען דעגאטווירט געווארען, די שעהנע מדות מיט וועלכע דאס אידישע פאלק האט שטאלצירט, זענען אי־בערגעגעצוויט געווארען אויף דער לינקער זייט און פארפירען פיל פון אונז אויף אזעלכע וועגען פון וועלכע זיי קענען זיך מעהר שוין נישט אומקערען.

שלוש מדות באומה זו, דריי מדות האט דאס דאזיגע פאלק, די אידען, האבען אונזערע חכמים געזאגט, ביישנים, רחמנים, גומלי חסדים [4]), זיי שעהמען זיך, האבען רחמנות, און זיי זענען גומל חסד איינער מיט'ן צווייטען, ועהר שעהנע מדות, וועלכע זענען געוועהן א צירונג פאר אידען, אט די דאזיגע דריי שעהנע

1) בראשית י"ח. 2) שמות כ'. 3) מדרש רבה נשא פ"ח ובגמ' יבמות ע"ט.
4) שם ע"ט.

מדות זענען בא אונז דענאטורירט געווארען און האבן אנגענומען א אנדערע פארמע.

די מדה פון בושה פון א מאל וועלכע א"ז באשטאנען אין דעם וואס א איד האט זיך געשעהמט מחלל שבת זיין, עסען טריפות, נאך טאן דעם גוי, די זעלבע בושה איז היינט אויך דא בא אידען, אבער אין א אנדער פארמע, א איד שעהמט זיך היינט צו שעהמט זיך היינט צו געהען אלע טאג דאווענען, א איד שעהמט זיך היינט בכלל ער זאל האלטען פארמאכט שבת זיין געוועלב, א איד שעהמט זיך היינט בכלל ער זאל אויס זעהען ווי א איד, ווי ווייט ער קען בעהאלטען דאס ביסאלע אידישקייט וואס ער האט אין זיך, טיט ער עס, די אלע דריי מדות טובות מיט וועלכען אידען האבען זיך אויסגעצייכענט אין מצרים, שלא שנו את שמם, שלא שנו את מלבושים ולא שנו את לשונם [1] זיי האבען נישט פאר ביטען זייערע נעמען, זייער קליידונג און זייער שפראך. אט מיט די דריי זאכען שעהמט זיך דער היינטיגער איד, קומט היינט אריין אין א אידישע פאמיליע, וועט איר דאס ערשטע נישט הערען א אידישען נאמען, אין אייערע אויערען וועלען קלינגען די נעמען, קארל, אדאלף, געארג, ניקו, אבער אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, דוד, שלמה וועלען אייערע אויערען נישט הערען. איהר וועט אויך הערען רעדען צווישען זיך רומעניש, פראנצויזיש דייטש, אבער עברעאיש קענען אונזערע אידען נישט און אידיש, די דאזיגע שפראך וועלכע האט איינגעזאפט אין זיך אזוי פיל אידישע געפיהלען פון טויזענדער דורות אין אלע עקען וועלט, שעהמען זיך אונזערע היינטיגע אידען צו ריידען.

ווען איך רעד דא פון עברעאיש, מוז איך דערמאנען א פאל וואס מיר האט פאסירט, איך האב מיך צוזאמען געטראפען נישט לאנג מיט א געלערנטען קריסט, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר מיר אז ער קען עברעאיש, איך האב איהם געגעבען מיין ספר תורת הנפש ער זאל לעזען, און האב מיך איבערצייגט אז ער קען ריכטיג גוט עברעאיש, איך האב מיך דאן צו איהם פריינדליך אנגערופען. עס פרייט מיך זעהר וואס איך האב די געלעגנהייט צו זעהען א קריסט וואס קען אזוי גוט עברעאיש, יא, האט דער קריסט מיר געענפערט, עס פרייט אייך צו זעהען א קריסט וועלכער קען עברעאיש, פאר וואס קריינקט אייך נישט צו זעהען א גרויסען טייל פון אייערע אידען וואס קענען נישט קיין עברעאיש . . . איך האב פארשעמט פארביסען מיט די ליפען, איך איהם נישט געהאט וואס צו ענטפערען.

יא, אידען אין מצרים, טראץ זייער שווערען גלות האבען נישט פארביטען זייערע נעמען, זייערע שפראך און זייערע קליידונג, היינטיגע אידען בעזיצען אבער די מדה פון בושה שעהמען זיך מיט זייערע אידישע נעמען, מיט זייער שפראך און ווער רעדט שוין פון אידישע מלבושים.

---

1) במ"ר פ' אמור ופ' נשא איתא בזכות ד' דברים נגאלו ישראל ממצרים, שלא שינו את שמותן ואת לשונם ולא גלו מסטורין שלהם ולא נפרצו בעריות.

און אזוי ארום איז דענאטורירט געווארען די מדה פון בושה בא אידען. דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט דער צווייטע מדה. רחמנות.

די מדה פון רחמנות מיט וועלכע אידען האבען זיך א מאל אויסגעצייכענט, האט אויך לעצטענס אנגענומען א אנדער פארמע, דער היינטיגער רחמנות פון אידען כאראקטעריזירט זיך אויף אזא אופן, מ'דערציילט אז אין א שווערען ווינטער אויף דער נאכט, ווען אין דרויסען איז געווען א שרעקליכער פראסט און א מורא'דינער ווינט, איז זיך ר' משולם ניגנאלד, א איד א נגיד, געזעסען ברייטליך אין זיין עס־צימער, אין שטוב איז געווען ליכטיג אוןווארעם, ממש א גן עדן, דער טיש איז געווען געדעקט זעהר שעהן מעשה נגיד, ר' משולם איז געזעסען אויווען אן, די קינדער ארום טיש, ממש אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט, אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך כשתולי זתיך סביב לשלחנך [1]) אויפ'ן טיש איז געשטאנען א שיסעל הייסע ווארענקעס דערנעבען א פלאש שווארצען־וויין, און דער עולם האט געגעסען און געטרינקען מיט א גרויסען אפעטיט, פלוצים דערזעהעט ר' משולמ'ס פרוי, ווי אין דרויסען, פון יענער זייט טיר, שטעהט א אלטער איד, ציטערט פאר קעלט און הונגער, ער קוקט אריין אין גן עדן, אבער ער וואגט נישט צו עפענען די טיר, זעה נאר מיין מאן, האט זיך זיין פרוי אנגע־רופען, ווי עס שטעהט פון יענער זייט טיר א אלטיטשקער איד און ציטערט פאר הונגער און קעלט, אוי א רחמנות, יא מיין ווייב, א גרויס רחמנות, האט איהר ר' משולם געענפערט, א גרויס רחמנות האט ער ווידערהאלט עטליכע מאל, נו, לאמיר איהם אריין לאזען, האט די פרוי זיך אנגערופען, און ער וועט זיך אנווארעמען און עפיס עסען. ניין האט ר' משולם אויסגערופען און האט א שפרינג געטאן מיט כעס, עהר נור א אכזריות פון א אידענע ווי זי וויל נישט איך זאל רחמנות הא־בען אויף א האלבפארפרוירענים און הונגעריגען זקן,* אויב די וועסט איהם אריין לאזען און ער וועט זיך אנווארמען און אנעסען, וועט דאך זיין אויס רחמנות אויף איהם. לאז ער שטעהען דארט און ציטערען פאר הונגער און קעלט וועלען מיר קענען רחמנות האבען אויף איהם.

יא רבותי אזוי כאראקטעריזירט זיך דער היינטיגער רחמנות בא אידען, אויב אין א שטעטיל ערגיץ וואו וועט ח'ו זיין א שרפה וועלען אידען מנדר זיין פון זייערט וועגען, אויב ס'וועט זיין חלילה ערגיץ וואו א פראגראם אויף אידען און מ'וועט ראבירען זייערע פארמעגענס, וועלען אידען רחמנות האבען אויף זיי און זיי שיקען בלומרשטע הילף, דער איד איז א בעל רחמנות בטבע, ער וויל זעהען דעם צווייטען אין אזא צושטאנד ער זאל דארפען אויף איהם רחמנות האבען, אבער נישט איהם ארויס צו העלפען, ווייל דאמעלס וועט דאך אויף איהם שוין נישט זיין קיין

---

1) תהלים קכח.

רחמנות און א איד וויל רחמנות האבען אויפ'ן צווייטען.

נישט אזוי איז געוועזען דער אמאליגער רחמנות בא אידען. אמאליגער רחמנות בא אידען איז באשטאנען אין דעם ווי אזוי ארויסצוהעלפען דעם נויטבעדערפטיגען, אין דער ארט אז מ'זאל אויף איהם נישט מעהר דארפען רחמנות האבען. היינט א'ז אויך דא רחמנות בא אידען, א איד וויל ער זאל דארפען רחמנות האבען אויף דעם נויטבעדארפטיגען, אבער איהם נישט העלפען, ווייל אויב ער וועט איהם העלפען וועט דאך זיין אויס רחמנות אויף איהם און א איד וויל רחמנות האבען...

די מדה פון גומלי חסדים, איז אויך דעגאטורירט געווארען בא אידען אין די לעצטע צייטען, אונזערע היינטיגע אידען געדענקען די גמרא, גדולה גמילת חסדים יותר מן הצדקה, שצדקה הוא לחיים וגמילת חסדים בין לחיים בין למתים [1] אז מ'לייעט איינעם געלד הייסט א גמילת חסד און ס'איז זעהר גוט אבער אז מ'געהעט נאך א לויה, ווער שמועסט שוין אז מ'שיט צי עטליכע לאפעטעס ערד דעם טויטען אין קבר הייסט א וודאי א גמילת חסד, אמאליגע אידען האבען מערער מקיים געווען גמילת חסדים צו די לייבעדיגע, היינטיגע אידען זענען מעהר מקיים גמילת חסדים מיט טויטע, אין אונזערע צייטען זעהען מיר זעהר שעהנע לויות מיט שעהן פארפוצטע טויטען וואגענס, שעהנע בית הקברות'ען מיט לוקס מאנומענטען וועלכע קאסטען אב שווערע מיליאנען, אין דער צייט וואס טויזענדער לעבעדיגע נויטבעדארפטיגע קומען אום פון הונגער און קעלט — אונזער איצטיגע געזעלשאפט פארגעסט אין די לעבידיגע און האט מעהר אין זינען די טויטע, און דאס אלעס ווייל אונזערע גוטע און שעהנע מדות פון א מאל זענען דעגאטורירט געווארען און האבען אונגענומען א אנדער פארמע, שוין צייט זיך צו באדענקען און באנייען אונזערע גוטע מדות אין דער פארם ווי אזוי זיי האבען בא אונז עקסיסטירט א מאל...

---

1) סוכה מ״ט.

# ו י ר א ·

## ג.

## טעמא: הכנסת אורחים, דער מנהג פון אנשי סדום, א ריכטיגער בעל טובה.

זעהר אינטערעסאנט אין היינטיגער סדרה, איז דער גאנצער ענין פון סדום, איך זויל מיך אבער דא אבשטעלען נור אויף איין פסוק אין דיזער פרשה, נאך דעם וואס השי"ת האט געמאכט רעגנען אויף סדום און עמורה און אופ'ן גאנצען ארץ הככר מיט שוועבעל און פייער און עס איז פון די שטעט אויפגעגאנגען א רויך ווי פון א קאלך אויווען, זאגט אונז די תורה, ותבט אשתו מאחריו ותהי נציב מלח [1]) און לוט'ס ווייב האט זיך ארונטער געקוקט און זי איז פערוואנדעלט געווארען אין א טאלפען זאלץ' פאר וואס האט לוט'ס ווייב בעקומען גראד דיזען עונש, עס זאל פון איהר ווערען א טאלפען זאלץ, דארויף זאגען אונזערע חכמים [2]) במלח חטאה ובמלח לקתה, ווייל זי האט געזינדיגט מיט זאלץ איז זי באשטראפט געווארן עס זאל פון איהר ווערען זאלץ. ווען די מלאכים אין געשטאלט פון מענשען זענען געקומען צו לוט און ער האט פון זייערט וועגען געמאכט א סעודה און געבאקען מצות, אזוי ווי דער פסוק זאגט, ויעש להם משתה ומצות אפה ויאכלו, האט ער געזאגט צו זיין ווייב, גיב א ביסעל זאלץ וועגן די דאזיגע אורחים האט זי איהם געענפערט, אויך דיזען שלעכטען מנהג, צו עמפפאנגען אורחים, ביזטי געקומען אנפירען אין דיזען ארט, פאר דיזען זינד האט זי השי"ת באשטראפט און זי איז געווארען א נציב מלח.

ווען איך האב געלערענט די דאזיגע רש"י, איז מיר באלד געקומען אויפ'ן געדאנק צו פרעגען, היתכן, וואו איז געווען דער שכל פון לוט'ס ווייב, דארויף וואס לוט האט געמאכט א סעודה און געבאקען מצות פאר די אורחים, האט זי נ׳ישט געזאגט, אף המנהג הרע הזה אתה בא לנהוג במקום הזה, און פונקט דאמעלס ווען ער האט פערלאנגט בא איהר זי זאל געבען א ביסעל זאלץ, איז איהר אויסגעקומען צו קריטיקירען דעם מנהג פון הכנסת אורחים, מיר שיינט אז פאר אשת לוט, אלס א ריכטיגע איינוואוינערין פון סדום, וואלט ניכער געפאסט זי זאל נאר

1) בראשית י"ט. 2) מדרש רבה מובא ברש"י במקומו.

אין נאנצען נישט נעווען צו לאזען אריין צו ברייננען די אורחים, מאכען פאר זיי א סעודה און באקען מצות. נישט אבשוויינען דאס אלעס און אויסלאזען איהר צארען אויפ'ן ביסעל זאלץ וואס ער האט פערלאנגט בא איהר פון זייערט וועגען?

ווען מיר וועלען אבער בעטראכטען די פירונגען פון די אנשי סדום ;ועט אונז אלעס פארענפערט ווערען. לויט די גמרא דערציילט [1]) פלעגען די אנשי סדום יא עמפפאנגען אורחים, נור מיט געוויסע בעדינגונגען, זיי האבען אריינגענומען א אורח צו שלאפען, נור אויב דאס בעטעל אויף וועלכען זיי האבען געלעגט דעם אורח איז געווען צו קורץ פאר איהם, האבען זיי איהם קורצער געמאכט די פיס, אויב דאס בעטעל איז געווען צו לאנג האבען זיי איהם אויסגעצויגען ביז די נשמה איז איהם ארויס, די אנשי סדום האבען אפילו צדקה אויך געגעבען, ווען עס איז געקומען צו זיי א ארימאן האט איהם יעדער געגעבען א שעהנע מטבע, קיינער האט איהם אבער נישט פארקויפט קיין ברויט ביז ער איז געשטארבען פאר הונגער.

דערפון זעהען מיר ארויס אז דער מנהג פון אנשי סדום איז געווען, צו טוהען יענעם א טובה, אבער מיט א בעדינגונג, אז די טובה זאל זיך ענדיגען מיט א רעה פאר יענעם. און אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען: אחר כל אכילתך אכול מלח ואין אתה נזוק [2]) נאך יעדען עסען מוז א מענש עסען זאלץ כדי דאס עסען זאל איהם נישט שאדען, און דאריבער מוז יעדער עסען האבען זאלץ, פארשטעהען מיר אז די אנשי סדום האבען זיך נוהג געווען צו געבען א אורח עסען נור אהן זאלץ, כדי ער זאל פון דעם קראנק ווערען, ווייל אזוי איז דאך געווען זייער מנהג, צו טאן א מענשען א טובה אז די טובה זאל זיך ענדיגען מיט א רעה פאר איהם, און ווען לוט האט אריין גענומען די אורחים און האט געמאכט פון זייערט וועגען א סעודה און געבאקען מצ"ת. האט זי, אשת לוט, געשווינען, ווייל זי האט געדענקט, דאס עסען איז דאך אהן זאלץ, וועט עס דאך זיי שאטען און אזוי איז דער ריכטיגער מנהג פון אנשי סדום, צו טאהן יענעם א טובה וועלכע זי זאל זיך ענדיגען מיט א רעה פאר איהם, ווען זי האט אבער דערהערט ווי לויט זאגט איהר, תני מעט מלח, גיב א ביסעל זאלץ צום עסען, האט זי זיך אנגעכאפט באם קאפ און האט געזאגט, ווי הייסט,? אזא שלעכטען מנהג וויסטי איינפירען אין סדום, צו טאהען יענעם א קאמפלעקטע טובה וואס זאל זיך נישט ענדיגען מיט א רעה, ניין, דארויף בין איך קיין בעלן נישט. דאס הייסט במלח חטאה, זי האט גע־זינדיגט מיט דעם וואס זי האט נישט געוואלט געבען א אורח זאלץ, מיט דער כונה אז דאס עסען זאל איהם שאטען, ובמלח לקתה, אי זי באשטראפט געווארען ותהי נציב מלח.

וואס לערנען מיר דערפון?

---

1) סנהדרין ק"ה. 2) ברכות כ"א.

אז היינט איז אויך פאראנען אנשי סדום, מענשען וואס טוהען צו מאל יענעם א טובה, אבער מיט דער זעלבער באדינגונג וואס די אנשי סדום האבען גע־טאן, די ענדע פון דער טובה זאל פאר יענעם זיין א רעה, אויף אזעלכע לייטע האבען אונזערע הכמים געזאגט: ארורים הרשעים שאין טובתם שלמה [1]) פאר־שאלטען זאלען ווערען די שלעכטע מענשען, וואס טוהען נישט קיין גאנצע טובה, אזעלכע וואס טוהען יענעם א טובה וואס מוז זיך ענדיגען מיט א רעה, אזעלכע מענשען האבען אין זיך די נשמה פון אנשי סדום וועלכע זענען געווען, רעים והטאים לה' מאד, זעהר שלעכט און זינדיג צו גאט, א אמת'ער איד, וועלכער האט דעם אמת'ען כאראקטער פון זרע אברהם, דער טוט יענעם א טובה בשלמות, א טובה וועלכע ענדיגט זיך מיט א טובה, א טובה פון וועלכער יענער זאל געניסען ביז ענדע.

און ווען מיר וועלען זיך א ביסעל מערער פארטיפען אין דער כונה פונ'ם מאמר, במלח הטאה ובמלח לקתה, אז אשת לוט האט געזינדיגט מיט זאלץ און איז דאריבער באשטראפט געווארען זי זאל ווערען א נציב מלח. וועט אונז ענט־דעקט ווערען נאך זעהר א שעהנער געדאנק.

די גמרא דערציילט אונז זעהר א אינטערעסאנטען ענין, איינער פון די גרעסטע חכמי ישראל אין זיין צייט, ריב"ח, האט געזאגט: אין מיין לעבען האט מיך קיינער נישט בעזיגט, נור איין מאל האט מיך א קינד און א פרוי מנצח געוועהן. און ווי אזוי האט מיך א פרוי מנצח געווען — דערציילט אונז ריב"ה — א מאל בין איך געוועהן א אורח בא איינעם, דעם ערשטען טאג האט מיר די בעל הבית'טע געגעבען עסען געקאכטע ארבעס, איך האב דאס מאכל אויפגעגעסען און האב דערפון גאר נישט איבערגעלאזט, דעם צווייטען טאג איז ווידער געווען אזוי, דעם דריטען טאג האט די בעל הבית'טע אריין געטאן אזוי פיל זאלץ אין עסען אז איך האב נור פארזוכט פונ'ם מאכל ה'ב איך נישט מעהר געקענט דער־פון עסען, [2]) עס פארשטעהט זיך אז די אירענע האט שטארק פארדראסען אויף ריב"ח וואס ער האט דעם ערשטען און דעם צווייטען טאג אויפגעגעסען דאס גאנצע מאכל און האט זיך נישט נוהג געווען מיט דרך ארץ, איבער צו לאזען א ביסעל פונ'ם מאכל אין שיסעל, אזוי ווי אונזערע חכמים רופען אזעלכען, מלחך פינכא, שיסעל לעקער, נור זי האט זיך געשעהמט צו זאגען צו ריב"ח, האט זי זיך מישב געוועהן, איך וועל איהם אבטאן אזוי אז ער זאל שוין מוזען אליין איבערלאזען אין ש'סעל פאר נעכטען און פאר פארנעכטע.

דערפון זעהען מיר, אז ווען איינער וויל אז דער אורח זאל נישט עסען, הייסט ער זיין ווייב אריין שיטען א סך זאלץ אין מאכל אזוי אז דער אורח וועט

1) מ"ר מובא ברש"י עה"ת בראשית מ"א. 2) עירובון נ"ג.

עס במילא שוין נישט עסען.

איצט פארשטעהען מיר שוין, לוט האט געלערענט בא אברהם'ן די מדה פון הכנסת אורחים, און זיין ווייב וועלכע איז געווען פון אנשי סדום, האט דאס געווים נישט געקענט ליידען, זי האט אבער איהר מאן נישט געקענט אראפ פיהרען פון דעם דרך וואס ער האט געלערענט פון זיין יוגענד אן בא אברהם'ן, האט זי זיך מישב געוועהן און איז געפאלען אויף א שכל, טייערער מאן מיינער, די ווילסט דיר ברייננען אורחים, מהיכי תיתא, איך וועל דיר נישט זיין קיין געגנער דערצו איך וועל מיר אבער א עצה געבען, די וועסט ברייננען א אורח וועל איך אין זיין עסען אזוי פיל זאלץ ארייין שיטען אז ער וועט במילא נישט עסען און וועט שוין אויפ'ן צווייטען מאל אליין נישט קומען צו דיר.

דאס מיינט אפשר דער מדרש מיט די ווערטער, במלח חטאה, אשת לוט האט געזינדיגט מיט זאלץ, זי האט אנגעשיט צו פיל זאלץ אין עסען פון די אורחים כדי זיי זאלען עס נישט קענען עסען ובמלח לקתה, און איז דאריבער באשטראפט געווארען עס זאל ווערען פון איהר א נציב מלח.

מיר געפונען איצט אויך מענשען אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אב דער כא־ראקטער פון אשת לוט און פון די אנשי סדום בכלל, פאראהן א מענש א שלעכ־טער, ער וויל יענעם נישט העלפען, מיט א פארשלאסען הארץ און א פארמאכטע האנד, נור צומאל קען ער זיך נישט אויסדרעהען און מוז געבען א נדבה, ער פאלט אבער אויף א שכל, ער שיט ארייין אין דער צדקה וואס ער טוט אזוי פיל בא־ליידיגונג אז יענער זאל שוין פארשווערען ער זאל זיין פנים נישט אנקוקען און איהם נישט בעזוכען א צווייטען מאל.

דאריבער זאגט אונז די תורה אן, את כספך לא תתן בנשך [1]) די תורה זאגט אן יעדען איד, אויב די גיסט צדקה, זאלסטו דיין געלד נישט געבען מיט א ביס זאלסט יענעם נישט פארשעהמען ווען די וועסט איהם העלפען מיט דיין געלד, זאלסט אידם געבען בכבוד, נישט איהם שופך דם זיין ארייין שיטען זאלץ און פע־פער אין דער צדקה וואס די טיסט, אזוי ווי אשת לוט האט געטאן.

דאס זעלבע האט אויך דוד המלך געזאגט, כספו לא נתן בנשך [2]) דער משורר רעדט דא פון א אמת פרומען מענש און צווישען זיינע מעלות רעכענט ער אויך די מעלה, אז זיין געלד האט ער געגעבען מיט א פריילעכע מינע, ער האט יענעם נישט פארשעהמט. אט דאס איז די אמת'ע צדקה פון וועלכע די תורה רעד אויף מערער ערטער און אויף וועלכער עס ווערט געזאגט והיה מעשה הצדקה שלום.

1) דברים כ״ג. 2) תהלים ט.

# לקוטים ממבחר הדרוש·

## על הפסוקים ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשות הקודמות

## ו י ר א·

### לדרוש א.

א) בגמרא (פסחים קי"ח) א"ר אלעזר קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף, שנא' נותן לחם לכל בשר וסמיך ליה לגוזר ים סוף לגזרים. קשה במאמר זה הלא הכתובים הללו אינם סמוכים זל"ז, וכמה פסוקים יש ביניהם, ואי משום שהפסוקים האלה הם במזמור אחד, א"כ למה דוקא מזונותיו של אדם קשין כקריעת ים סוף ולא ענינים אחרים הנזכרים ג"כ במזמור זה? וי"ל דבאמת קשה כיון דמזונותיו ש"א נוהג תמיד מבריאת העולם, הי' לו להמשורר לסדר ענין זה, של נותן לחם לכל בשר, אחרי הפסוקים המדברים בטבעו של עולם כמו, לעושה שמים בתבונה, לרוקע הארץ על המים, ומדוע הזכיר ענין מזונותיו של אדם אחרי הפסוקים המדברים מענינים המחודשים, אם לא כדי להורות שהוא שקול כנסים שבכללם קריעת ים סוף שהי' נס גדול מכולם. [1]

ב) בזיעת אפך תאכל לחם עד שובך וגו' (בראשית ג') יש אנשים שעמלים עצמם ביגיעה רבה על פרנסתם, בחשבם שביגיעה וכתחבילות תליא מלתא, ומפני זה אינם מונעים את עצמם גם מהמס ושוד ומכל מיני מרמה, ובאמת הדבר הוא להיפך, לו הי' בני אדם מתנהגים בצדק ויושר, אז כל אחד השיג הון ועושר גם בלא יגיעה ועמל רב, ואדרבה המרמה והחמס הם מונעים מבני אדם פרנסתם ולא יועיל להם כל יגיעה ועבודה, ואפשר שלזה כיון רב במאמרו במס' (קדושין פ"ב) מימי לא ראיתי צבי קיץ ושועל חנוני וארי סבל, והם מספרנסים שלא בצער וכו' אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי. ר"ש רצה במאמרו זה להורות לנו, כי רק השוד והחמס של בני אדם, שאינם מתנהגים ביושר וצדק, היא הסבה האמתית שלא ישינו הון ועושר אף ביגיעה רבה, וכל זמן שב"א יתנהגו ככה לא ישינו עושר אף אם יתעמלו ויתיגעו במדה מרובה. והעצה הנכונה שיהיו בנחת, ולא בצער, הוא רק שישיבו להתנהג בצדק ויושר, וכל זה רמוז בהפסוק הנזכר. בזעת אפך, אף שתתעמל

1) נזר הקודש.

ביניעה רבה, לא יועיל לך להשיג הון ועושר, כי כל יגיעתך לא תביא לך רק לחם צר. עד שובך אל האדמה, עד אשר תשיב אל הטבע שאין בה עול ושר ותתנהג כמוה ביושר וצדק, רק אז תוכל להשיג כל מחמדי תבל. [1])

ג) בגמרא (פסחים קי"ח) בשעה שאמר הקב"ה לאדם, קוץ ודרדר תצמיח לך זלגו עיניו דמעות אמר לפניו, רבוש"ע, אני וחמורי נאכל באבוס אחד, כיון שאמר לו בזעת אפך תאכל לחם נתקררה דעתו.

יש להבין מאמר זה ע"פי מה שפירוש הגאון הכ"ם ז"ל את הכתו' (תהלים קט"ז) אתהלך לפני ה' בארצות החיים האמנתי כי אדבר אני עניתי מאד אני אמרתי בחפזי כל אדם כוזב, כי מזה שאנו רואים שאף שהאדם עומד במדרגה יותר גבוה מכל בעלי החיים בזה שיש לו כח הדבור מה שאין לשום בעל חי ובכל זאת, בנוגע לעניני העולם הזה, יש לו הסרון מבעלי החיים, כי אצל האדם נאמר, בזעת אפך תאכל לחם בעוד שכל היצירים מוצאים. פרנסתם שלא בצער, כמו שאמר ר"ש, מימי לא ראיתי צבי קייץ, שועל חנוני, וארי סבל והם מתפרנסים שלא בצער (קידושין פ"ב) כן יודע האדם שימות ויפחד מפני המת המציק משא"כ בעלי החיים שאינם יודעים מזה מאומה, מזה ראיה על השארת הנפש, וכי העולם הזה הוא אצל האדם רק הפרוזדור שע"י יבא אל הטרקלין, כי לא יתכן שהאדם שהוא במדרגה יותר גביה מבעה"ח יהי' גורלו רע מהם וז"ש המשורר, אתהלך לפני ה' בארצות החיים הוא העולם הנצחי, יען שאף כי אדבר ועומד אנכי על מדרגה יותר גבוה מכל היצירים ובכל זאת, אני עניתי מאד, אני סובל בזה העולם יותר מכל בעלי החיים, מזה מוכח, כי אתהלך בארצות הנצחיים, מה שאין כן לבעה"ח ורק בחפזון ובמהירות אמרתי שכל האדם כוזב הלילה.

ועפי"ז נבין מאמר הנזכר כי בשעה שאמר הקב"ה לאדם קוץ ודרדר תצמיח לך, זלגו עיניו דמעות ואמר, אני וחמרי נאכל באבוס אחד, ר"ל גם פרנסתי תגיע לי בלא יגיעה כמו כל בעלי החיים שהם מתפרנסם שלא בצער, א"כ נוכל לטעות מזה כי גם לאדם אין לו חיים נצחיים, רק כל חבלו יפול לו בעולם הזה, וכשאמר לו הקב"ה בזעת אפך תאכל לחם, שבזה הוא עומד במדרגה יותר גרועה מבעלי החיים אף שיש לו נפש חיה וכמו שמתרגם רוח ממללא, נתקררה דעתו כי מזה מוכח שהעוה"ז הוא רק אצלו הפרוזדור שע"י יגיע להעוה"ב שהוא הטרקלין כאמור והבן. [2])

ד) בגמרא (פסחים קי"ח) בשעה שאמר הקב"ה לאדם קוץ ודרדר תצמיח לך זלגו עיניו דמעות, אמר לפניו, רבש"ע, אני וחמורי נאכל באבוס אחד, כיון שאמר לו בזעת אפך תאכל לחם נתקררה דעתי.

יש להבין מאמר זה. עפ"י מ"ש הרה"ק ר' שמחה בונם מפרשיסחא ז"ל, לפרש

1) ד"ע. 2) ד"ע.

את הקללה של הנחש, ועפר תאכל כל ימי חייך, שלכאורה אין זה קללה, אדרבה יותר טוב לו, שבכל מקום מזונו מוכן לו, ואמר הרה"ק הנ"ל כי הקללה היא במה שימצא בנקל מזונו ולא יצטרך להתפלל אל ה' בשום פעם כי מאס בו ובתפלתו ע"י חטאו הגדול, ולפי"ז נבין, כי כשאמר הקב"ה לאדם, קוץ ודרדר תצמיח לך, זלגו עיניו דמעות, כי הבין בזה קללה גדולה, שמזונו יהי' מצוי לו, ולא יצטרך להתפלל אל השי"ת ע"ז, מפני שמאס בו ובתפלתו וע"כ בכה, וכשאמר לו הקב"ה בזעת אפך תאכל לחם, כלומר שאחרי יגיעה רבה ימצא פרנסתו ועליו להתפלל להשי"ת על מזונו, ונראה מזה כי לא מאס השי"ת בתפלתו, נתקררה דעתו [1]

ה) ויאמרו אליו איה שרה אשתך ויאמר הנה באהל: ויאמר שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך וגו' ותצחק שרה בקרבה לאמור אחרי בלותי היתה לי עדנה ואד"י זקן, וי"אמר ה' אל אברהם למה זה צחקה שרה לאמור האף אמנם אלד ואני זקנתי (בראשית י"ח).

הכתובים הללו הם קשה ההבנה וכבר דשו בהם רבים, ונראה לפרש באופן זה, כי הנה כל המפרשים נסתפקו אם ידעו אברהם ושרה שהם מלאכים אם לאו, ומסקנת הזוהר הוא דאברהם לבדו ידע אבל שרה לא ידעה, ודנה אותם לבני אדם ובזה אפשר לישב הצחוק שצחקה שרה, כי באמת קשה, הלא כבר נתבשר אברהם בבשורה זו מ"ד שנימול בסוף פ' לך, ולא צחקה אז שרה, ולפי דברי רז"ל דבאותו יום פירסה נדה וע"כ לא הביא לחם, קשה עוד יותר, למה היה הדבר רחוק לה כ"כ עד שהפלינה הדבר לגמרי, גם צריך להבין השנוי של ואדוני זקן לואני זקנתי ודברי רז"ל ידועים בזה. לכך נראה לומר דודאי ידעה שרה שתלד כי האמינה בהבטחת השי"ת אבל עיקר הצחוק היה לה על שאמר המלאך שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך, כי לפי שחשבה שרה שאינו מלאך רק אדם, לא דבר יפה במה שאמר שוב אשוב אליך כעת חיה, כי הלא בשר ודם אינו יודע עתיו ורגעיו מתי ימות והיה לו לדייק בלשונו כמו שאמר אלישע לשונמית, למועד כעת חיה את חובקת בן ולא אמר לה שוב אשוב — כמ"ש ז"ל, דלכך אמר המלאך שוב אשוב אליך כעת חיה, משום דהמלאך בטוח הי' שישוב אבל אלישע לא אמר כן משום שאדם לא ידע זמן מותו, לכן שרה שחשבה את המלאך לאדם, צחקה בצדק על דבריו שאמר, שוב אשוב אליך כעת חיה, כמו שמצינו שהאשמדי שחק על זה דעבד ליה מסנאי לשב שנין, וכמו כן צחקה בקרבה על דברי המלאך שחשבוה לאדם, ואמרה אמת הדבר ואני מאמין בהבטחת השי"ת והסימן שאחרי בלותי היתה לי ערנה, אבל ואדני זקן, כאלו מדברת להמלאך — איך תאמר שוב אשוב אליך בעת חיה, הרי זקנת ומי יודע אם לעת כזאת תהי' בחיים, כי ב"ו אתה ובכל יום אין אתה בטוח בחייך ובכל יום נקראת זקן ושבע ימים. וכמו שמדברים בדרך כבוד

1) הרב ר' פנחס מזיש ווינא.

בלשון אדון. ולפי האמת הקב״ה בעצמו דיבר אותן הדברים ולזה אמר לה, למה זה צחקה שרה לאמור, האף אמנם אלד ואני זקנתי, כלומר אף שכונתה היתה לאמור שאעפ״י שאמת אמר ואין מן הנמנע דבר זה וכבר פרסתי נדה. ע״כ שחוק שלי הוא לאמור להמבשר ואדוני זקן. וכי אני זקנתי בתמיה, והלא אני הוא שאמרתי הדברים הללו, כדאיתא בזוהר שהקב״ה אמר בשורה זו, או כפשוטו שהמלאך דיבר בשליחתי א״כ במה שאמרה שרה ואדוני זקן כפי המכוון שלה. נמצא כאלו אמרה שאני זקן ושחקה על מה שאמרתי שוב אשוב אליך כעת חי׳ היפלא מה׳ דבר, דוראי למועד אשוב ולי נאה לומר כך וכאשר נודע לשרה שהמבשר הזה היה מלאך שדיבר בשם ה׳ חרדה הרדה גדולה ומתוך יראה כחשה ואמרה לא צחקתי, אבל השי״ת אמר לה, לא, כי צחקת, אמת אין לאשים אותך כי מוטעת היית שחשבת את המלאך לבן אדם אבל מכל מקום צחקת. ועל אופן זה מתישבים כל הפסוקים באופן נאות [1]).

ו) ותצחק בקרבה לאמור אחרי בלותי היתה לי עדנה וגו׳ ויאמר ה׳ אל אברהם למה זה צחקה שרה לאמור וגו׳ (בראשית י״ח) קשה מאד, הלא גם אברהם כשאמר לו הקב״ה, ש״י אשתך לא תקרא שמה שרי כי שרה שמה וגו׳ וגם נתתי ממנה לך בן, נפל על פניו ויצחק (שם י״ז) ומדוע לא אמר לו הקב״ה ג״כ למה זה צחקת כמו שאמר לשרה? אכן כשנדייק היטב נראה כי אצל ש״ה כתוב ותצחק שרה בקרבה „לאמור״, ואצל אברהם לא נאמר מלת לאמור, ולפי הכלל הידוע לנו כי כ״מ שנאמר לאמור הכונה לאמור לאחרים, לכן אצל אברהם כתיב, ויצחק ויאמר בלבו הלבן מאה שנה יולד, היינו רק בלבו צחק ולא הוציא הצחוק מפיו לאמור גם לאחרים הלבן מאה שנה יולד, אבל אצל שרה כתיב, ותצחק שרה בקרבה וגם „לאמור״, לאחרים ר״ל שלבד שצחקה בקרבה הוציאה השחוק בפיה לאמור מזה גם לאחרים וע״ז חרה לה׳, כי לו רק צחקה בקרבה ולא אמרה מזה לאחרים, כמו שעשה אברהם לא הי׳ חרה כ״כ לה׳, וז״ש הקב״ה לאברהם למה זה צחקה שרה „לאמור״, מזה נראה כי תלונת השי״ת על שרה היתה רק על מה שאמרה מזה לאחרים, ונכון [2]).

ז) ויאמר אלהים לאברהם שרי אשתך לא תקרא שמה שרי כי שרה שמה וגו׳ וברכתיה והיתה לגוים מלכי עמים ממנה יהיו (בראשית י״ז) במדרש עה״כ כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, בכל מקום האיש גוזר ברם הכא כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה, ואיתא עוד במדרש, יוד שנטל הקב״ה משרי היה טס ופורח לפני כסאו של הקב״ה אמר לפניו רבוש״ע בשביל שאני קטנה שבאותיות הוצאתני משרה הצדקת. א״ל הקב״ה עד עכשו הייתי בשמה של נקבה עכשו אני נותן אותך בשמו של זכר, שנאמר, ויקרא משה להושע בן נון יהושע, כל הדברים הללו אי אפשר להבינם כפשוטם ובודאי צפון בהם רעיון מוסרי מאד נעלה, לכן

---

1) זרע ברך. 2) שמעתי מפי המנוה ר׳ יהודא ליב שטילמאן טארוטינא.

והנה שלמה המלך אמר, יש עושר שמור לבעליו לרעתו (קהלת ג׳). כי מי שיש לו הון ועושר והוא יודע למשול על רכישו לעשות בו צדקה וחסד לתמוך עניים, לעזור לכל נדכה ונענה, בודאי העשירות הוא לטובתו, אולם הרוב מבני אדם כשיתברכו בהון ועושר מופלג אז נעשה הרכוש וההון למושל עליו כי יטהו מן הדרך הטובה למלא בו כל תאותיו כמ״ש הנביא, וכסף הרביתי להם, וזהב עשו לבעל, ר״ל שעשו את הזהב לבעל ומושל על עצמם, וז״ש החכם מכ״א, יש עושר שמור לבעליו, ר״ל עשירות כזאת השמורה לאדם להיותה בעל ומושל עליו, בודאי הוא לרעתו, כי רק עשירות כזאת שאדם יוכל למשול עליו הוא לטובתו ואשרו. [1]

ד) ויאמר אל עבדו זקן ביתו (בראשית כ״ב) יי״ל ע״ד הצחות, כי אליעזר היה זקן ביתו של אברהם אבינו הדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים, אמר אולי לא תאבה האשה ללכת „אחרי״ ותהיה מאותן הדורשות משפט הקדומה כמו או״ה המגבירים שמאלא על ימינם ונוקבא על דוכרא, לתת לנשים משפט הקדומה היפך דעת תוה״ק, והוא ימשול בך, וגבי אליעזר כתיב נמי „המושל בכל אשר לו״ כמ״ש חז״ל, אשר יחסר לו, זו אשה, הוא העיקר והיא רק לעזר לו ברכי ה׳, ואמר לו אברהם אבינו, אם לא תאבה האשה ללכת „אחריך״ ונקית משבועתי, כי חפצי באשה צנועה וכשרה, וחז״ל אמרו, אחורי ארי ולא אחורי אשה, אפילו באשתו, ולבן ובתואל אמרו, הנה רבקה „לפניך״, וע״ז האופן קח ולך, ויאמר אליהם, אל תאחרו״ אותי, וה׳ הצליח דרכי, ר״ל למה תשימונו „לאחור״ נגד דעתי הלא תראו כי ה׳ אתי, ויאמרו נקרא לנערה ונשאלה את פיה, התלכי עם האיש הזה, ר״ל שיהיה הוא קודם (כמו״ש התוי״ט בפ״ב דאבות, יפה ת״ת עם דרך ארץ, שהד״א קודם בזמן לת״ת) להורות שהאיש עיקר ואת תהיה טפלה לו, ותאמר אלך, ולבסוף כתיב, ותקם רבקה ונעי ותיה ותלכנה „אחרי״ האיש, כמנהג ביתו של א״א בצניעות וקדושה וד״א [2]

---

1) ד״ע. הרה״ג ר׳ צבי פארבער בשם הגאון יט״ב. 2)

# דער נייער „ספר הדרשות"

## א בוך פיר אלע אידען

### ענטהאלט אריבער הונדערט דרשות

אויף יעדע סדרה פון דער תורה און אויף אלע ימים טובים. וועלכע בעהאנדלען די ברענענדינגסטע פראגען בנוגע צו אידען און אידענטום פון די גאנץ ערשטע צייטען ביז אין די געגענווערטיגע צייט.

ובסוף כל סדרה, לקוטים ממבחר הדרוש, על הפסוקים ומאמרי חז"ל והענינים הנזכרים בהדרשות.

**ערשטער טייל**

**ספר בראשית**

**פערטער העפט, פרשה תולדות.**

פערפאסט פון הרב **שמואל שוועמער** יאסי

פערפאסער פון מערערע ספרים אין עבראיש און אידיש, און ארויסגעבער פון די „אידישע וויסענשאפט", א זשורנאל פיר ליטעראטור, היסטאריע וויסענשאפט, ביאגראפי און חדושי תורה.

יאסי תרצ"ז

---

# NOUA CARTE A PREDICILOR

**CUPRINDE**

Peste una sută predici religioase rostite în diferite ocaziuni în sinagogile și templele din țară de

**Rabinul ȘMIL H. ȘFEMER**

autorul mai multor opere literare și științifice.

**IAȘI 1937**

Tip. „PROGRESUL" A. GRIMBERG, Iaşi
Str. Victor Place No. 7 (în curte.)

PRIM RABIN
I. VERTHEIM
TIGHINA
BASARABIA-ROMANIA

יוסף ווערטהיים
אבד"ק
בענדער־טהין
בעסאראביע–רומניא

בשם ה׳

על ספריו של הרב הנודע בתורתו שבכתב ושבעל פה, מוהר"ר **שמואל** שליט"א **שוועמער** כבר הגידו תהלתם רבני גאוני חכמי זמננו – כעת הוסיף אומץ להוציא לאור אמרות טהורות נעימים ומזוקקים בדרשות לכל חפציהם ופי שנים ברוחו, הן ללומדי תורה ככתבם וכלשונם, ואל היהודים הטרודים בעבודה ובמשלח יד שאין עתותם ברשותם להתבונן בשפתינו הקדושה, בלשון העם השפה המדוברת, ואמינא גם אנא לפעלא טבא יישר, כי טובים השנים וכדאי הוא הרב המחבר הנכבד שיסוע מכל אוהבי תורה ושוחרי תושיה כדי שיוכל להוציא לאור כל החלקים של ספרו דער „נייער ספר הדרשות"

והנני חותם בכל חותמי ברכה להרב המחבר היקר שליט"א ולכל התומכים בידיו.

הק׳ **יוסף ווערטהיים**
אבד"ק טהין־בענדער.

י׳ טבת תרצ"ז

**פארזעצונג פון די נעמען של האנשים החשובים שחתמו אויפ'ן נייעם „ספר הדרשות", יהי' זכרם ברוך ויתברכו בכל טוב אמן.**

## באקארעשט

פירמא סגל עט ווײדענפעלד
„ גאלדשטיין עט הארנשטיין
„ מעדוועד עט נימפעלמאן
הנגיד הנ' מר י. בענסימאן נ"י
„ „ „ חיים פינטשעף „
„ „ „ שלמה ארסאנסקי „
„ „ „ משה זעלינג „
„ „ „ יוסף סגל „
„ „ „ יעקב קאנדעל „
„ „ „ יוסף קלאר „
„ „ „ מרדכי קלאר „
„ „ „ משה גרינבערג „
„ „ „ יהושע דלין במו"ר הרב ר' אברהם חיים הלוי „
„ „ „ אלטער יחזקאל ב"ר יהודה זאב נעלבארד „
„ „ „ חיים אײזענהענדלער „

ע"נ אביו המנוח ר' אשר
אײזענהענדלער ע"ה

הנגיד הנ' מר יעקב באכמאן נ"י

ע"נ אביו ר' אברהם ב"ר זאב
יהודה הכהן נפטר ב' אלול תרפ"ט

הנגיד הנ' מר לאזער עקשטיין „
„ „ „ ב. זאלצמאן „
„ „ „ אליהו שטײנמאן „
„ „ „ ישראל אברהמאוויטש „
„ „ „ שלמה שעכטער „

## בערלאד

הנגיד הנ' ה' יואל ב"ר ארי' שעכטער נ"י
„ „ „ דוב בערל ב"ר שלמה הערשקאוויטש „
„ „ „ משה אײזיק „
„ „ „ לעאן רײטער „
בהמ"ד טאלפאלארים ע"י הגבאים ר' יצחק ראזנער, ר' מענדיל מארקוס ור' מרדכי נוטעסקי נ"י
בהמ"ד סנדלר"ס ע"י הגבאי ר' יצחק הײלפרין „
הנגיד הנ' ר' לעאן ראבינאוויטש „

ע"נ אביו ר' משה בן יוסף
יצחק הנקרא מאריץ ראבינאוויטש
נפטר ט"ז כסלו תרצ"א
וע"נ אמו לאה ב"ר זאב
נפטרה ב' כסלו תרצ"ז

## טעקוטש

הנגיד הנ' ר' מאיר ב"ר יהודה מאנדיל נ"י
„ „ „ יוסף פאינאר „
בהכ"נ פועלי צדק ע"י הרבני מו"ה יהושע שריב נ"י
בהכ"נ הישן ע"י הגבאי ר' יהושע זילבערמאן נ"י
הנגיד הנ' ר' י. כהנא „

ע"נ אביו המנוח ר' ירוחים כהנא
מיאסי ע"ה

## (גאלאץ) המשך

הנגיד הנ׳ ה׳ אהרן מארגענשטערן נ״י
〃 〃 〃 בן ציון טשערפאק 〃
〃 〃 〃 נתן נאנדעלמאן 〃
〃 〃 〃 משה האהאם 〃
〃 〃 〃 ישראל לאחמאנאוויטש 〃
〃 〃 〃 אפרים ציגלער 〃
〃 〃 〃 ניסן טראקער ש״ץ
בכה״כנ אייזענוואַרנער
〃 〃 〃 בערצי ראזענטאהל 〃
〃 〃 〃 חיים זילבערשטיין 〃
〃 〃 〃 היינריך היימאוויטש 〃
〃 〃 〃 ישראל בלאנק מבנדר 〃
〃 〃 〃 דוב לוקאטש 〃

## בראילא

הנגיד הנ׳ ה׳ יוליוס נאלדפראכט נ״י
〃 〃 〃 אדאלף ליבאוויטש 〃
〃 〃 〃 עקיבא אבערמאן 〃
〃 〃 〃 חיים הערליך 〃

## באטושאן

הנגיד הנ׳ ה׳ שמואל ניטער 〃
〃 〃 〃 בנימין קוועטשער 〃
〃 〃 〃 יחיאל וואלטער 〃
〃 〃 〃 מאיר וויינשטיין 〃
〃 〃 〃 יחיאל שווארץ 〃
〃 〃 〃 אברהם גרין 〃
〃 〃 〃 שלום לאקסער 〃
〃 〃 〃 שמאי זאלצבערג 〃
〃 〃 〃 ליטי שמואלאוויטש 〃
〃 〃 〃 דוד הוטמאן 〃
〃 〃 〃 יעקב נאדלער 〃

הנגיד הנ׳ ה׳ סאנילעוויטש נ״י
רחים באטושאן [Moara Botoşani]
הנגיד הנ׳ מר אליהו ב״ר שמואל היושב בשער החיצון בבמל״ח בעיר באטושאן
בהמ״ר ר׳ יוסקים ע״י הנבאי ר׳ ישכר פעללער נ״י
〃 סיוועגער (הרב) ע״י הנבאי ר׳ משה שור נ״י
〃 ר׳ אייזיק ע״י הנבאי ר׳ ברוך ראזען נ״י
〃 התיכון (מיטעלסט) ע״י הנבאי ר׳ אהרן כהנא נ״י
הנגיד הנ׳ מר הנא אהרן אקסעל נ״י

ע״נ בנו משה ע״ה נפטר בן נ״ז שנה, ט״ו מרחשוון תרצ״ז.

### אלון בכות

לזכר נשמת הבחור יחיאל מיכל
ע״ה ב״ר דוב ברוירא נ״י
שנקטף בדמי ימיו בן כ״א שנה
ביום ט׳ סיון תרצ״ז. ת׳נ׳צ׳ב׳ה׳.

## דרהוי

הנגיד הנ׳ הרב ר׳ דוד שעכטער נ״י
〃 〃 מר זיגמינד סגל 〃
〃 〃 〃 יהושע מאשקאוויט 〃
בהכ״נ קיזשנערס ע״י הנגיד הנ׳ מר מיכל אוערבוך נ״י
הנגיד הנ׳ מר אבא וויינשטיין נ״י

ע״נ ז׳ חנה ב״ר צבי
נפטרה י״ג שבט תרצ״ז.

# תולדות.

## טעמא: נאציאנאליזם און רעליגיאן בא אידען. דאס ערשטע אהן דעם צווייטען קען נישט זיין.

דריי סארטען קינדער האט אונזער שטאם פאָטער אברהם געהאט, יצחק, ישמעאל און די בני קטורה. אוף יצחק'ן זאגט אונז די תורה אין דער היינטינער סדרה, ואלה תולדות יצחק בן אבירהם אברהם הוליד את יצחק [1] דאס הייסט אז יצחק איז געווען א כבוד פאר זיין פאטער אברהם און אברהם איז געווען א כבוד פאר זיין זין יצחק, דער טאטי האט שטאלצירט מיט זיין זין און דער זין האט שטאלצירט מיט זיין פאטער, בא ישמעאל'ן זאָגט אונז שוין די תורה, ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם אשר ילדה הגר המצרית שפחת שרה לאברהם [2] דא דערמאָנט שיין נישט די תורה, אברהם הוליד את ישמעאל, אזוי ווי בא יצחק'ן, ווייל אויב אברהם איז נאך געווען א כבוד פאר ישמעאל'ן, איז אבער ישמעאל שוין נישט געווען קיין כביד פאר אברהם'ן ווייל מיט א קינד וועלכער געהט נישט אין די וועגען פון זיין פאטער קען דער פאטער שוין נישט שטאלצירען, בא די בני קטורה זאגט שוין די תורה, ויוסף אברהם ויקח אשה ושמה קטורה, [3] כל אלה בני קטורה, דא שטעהט שוין אפילו נישט דערמאנט אברהם'ס נאמען, ווייל אויב פאר ישמעאל'ן איז חאטש אברהם געווען א כבוד, אויב ישמעאל האט ווענינסטענס שטאלצירט וואס ער האט געהאט א טאטען אברהם, חאטש אבירהב יאט מיט איהם נישט שטאָלצירט, זענען די בני קטורה נישט געווען קיין כבוד פאר אברהם'ן און אברהם איז נישט געווען קיין כבוד פאר די בני קטורה, דער גייסט פונ'ם פאטער איז געווען גענצליך פרעמד פאר זיינע זין און דער גייסט פון די זין איז געווען פרעמד פון זייער פאטער.

איצט שטעלט זיך א פראגע, וואס פאר א סארט קינדער האבן מיר היינט, צו האבען מיר איצט אזעלכע קינדער ווי יצחק, וואס דער טאטי שטאלצירט מיט'ן זין און דער זין איז א כבוד פאר זיין טאטען, צו האָבען מיר איצט אזעלבע זין ווי

1—3) בראשית כ"ה.

ישמעאל, וואס אויב דער טאטי איז נאך א כבוד פאר'ן זין, קען אבער דער זין נישט מעהר זיין א כבוד פאר'ן טאטען. צו האבען מיר נאר אזעלכע קינדער ווי די בני קטורה, וועלכע דער טאטי שעהמט זיך מיט זיינע קינדער און די קינדער שעהמען זיך מיט זייער טאטען ? אט די דאזיגע פראגע איז זעהר א אנגעווייטיגטע מיט דיזער פראגע בערירען מיר די נרעסטע וואונד פון כנסת ישראל אין דער געגענווערטיגע, צייט, ווען דער קאנטראסט פון פאטער און זין איז בא אונז אזוי בולט, אז די פעטער שעהמען זיך מיט זייערע קינדער וועלכע זענען אוועק פונ'ם טראדיציאנעלען אידענטום, פון דער אמת'ער אידישער קולטור און ערנעהרען זייער גייסט מיט פרעמדע שפייזען, און די קינדער שעהמען זיך מיט זייערע פעטער וועלכע שטעהען נאך אין תחום היהדות און טראגען אויף זיך דעם חתום היהדות.

א טיפער תהום איז לעצטענס געשאפען געווארן בא אונז צווישען אלטען און צווישען יונגען דור. בא יעדען פאלק איז פארהאנען א אלטער דור און א יוגענט, דיביידע זענען אבער איינפערשטאנען, דער עלטערער דור טראכט שטענדיג צו די פלענער ווי אזוי צו פארזיכערען דעם עקזיסטענץ פונ'ם פאלק און די יוגענט פירט אוי'ס אין דער פראקטיק די פלענער וואס די עלטערע טראכטען צו, אזוי זעהען מיר אין פאליטישען לעבען פון יעדען פאלק, די מיניסטארען, דער פארלאמענט איז צוזאמען געשטעלט פון עלטערע ערפאהרענע מענשען אונטער זיי עקסיסטירט א מאסע בעאמטע גרעסערע און קלענערע וועלכע באשטעהען אם מיינסטען פון יונגע קרעפטיגע כחות וועלכע ברייגגען אין דער פראקטיק זייערע באפעהלע, מערער בולט זעהט זיך ארוים די דאזיגע זאך אין דער מיליטערישער וועלט, גענעראלען, קאמאנדאנטען זענען עלטערע ערפאהרענע לייטע, וועלכע באפעהלען און ארדנירען, ווערענד די סאלדאטען וואס פיהרען אוים אין דער פראקטיק די ארדענס און באפעהלע פון זייערע אפיצירען זענען קאנצענטרירט פון דער לעבעדיגער און קרעפטיגע יוגענד, שרעקליך איז די לאגע פון יענעם פאלק ווען עס רייסט זיך ארייז א שפאלטונג צווישען דער יוגענד און די עלטערע, אין דיזען מאמענט איז דאס גאנצע פאלק אין א גרויסען געפאהר.

אונזער גרויסער און הייליגער פאלקס פירער משה, האט דאס גוט פארשטאנען, און ווען פרעה האט איהם געפרעגט מי ומי ההולכים, האט איהם משה באלד דארויף געענטפערט בנערינו ובזקנינו נלך [1] כל זמן משה איז נישט געווען פעסט איבערציינט אין די פולשטענדיגע אחדות צווישען יונג און אלט בא אידען, האט ער נישט געפריווט צו בעפרייען דאס פאלק פון גלות מצרים, ערשט דאמאלס ווען ער האט געזעהען דעם פאלשטענדיגען אחדות צווישען יונג און אלט און ער האט געקענט זאגען בנערינו ובזקנינו נלך, ערשט דאמאלס האט ער מיט א פול-

---

1) שמות י'.

שטענדיגע זיכערקייט געקענט ריידען פון די באפרייהונג פון זיין פאלק.

און דער ערשטער נאַציאָנאלער אומגליק פון אידען איז טאקע געווען דורך דעם וואס ס'האָט אײנגעטרעטען א שפּאלטונג צווישען דער יוגענד און די עלטערע.

שלמה המלך איז געשטאָרבען, אויף זיין קעניגליכען טהראָן האט זיך געזעצט זיין זון רחבעם. באלד איז געקומען א דעלעגאציע פונ'ם פאָלק בעטן באם נייעם קעניג ער זאל פארגרינגערן די שווערע מסאות וואס זיין פאטער שלמה האט ארויף געוואָרפען אויפ'ן פאָלק. ער האָט דארויף געענפערט, אז ער וועט זיי שפּעטער מיט דריי טאג געבען א תשובה, אין דעם אינטערוואל האָט זיך דער נייער קעניג באראָטען מיט די יוגענד וועלכע האבען איהם געהייסן געבען א שטרענגסטן ענפער דער דעלעגאציע, ווייל אויב ער וועט זיי נאכגעבען זייער פערלאנג, וועט זיין מלוכה קיין קיום האָבען, נאָך זייער אנזיכט מוז דער קעניג זיין העכט דיספּאָטיש און זיך נישט רעכנען מיט'ן ווילען פונ'ם פאָלק, און ווען די עלטערע האָבען איהם געראָטען, אז עס איז פיל גלייכער פאר א קעניג נישט צו זיין קיין דיספּאָט, נאר נאכגעבען צו די פאלקס פארלאנגען, דערציילט אונז דער פסוק אויף רחבעם'ן, ולא שמע לעצת הזקנים וישמע לעצת הילדים [1] און רחבעם האָט נישט געוואלט צו הערען צו דער עצה פון די עלטערע און געפאלגט די יונגע, וועלכע האבען איהם געלערענט צו געבען פאלגענדען שטרענגען ענפער, אבי יסר אתכם בשוטים ואני איסר אתכם בעקרבים [2] מיין פאטער האט אייך בעשטראָפט מיט ריטער און איך וועל אייך בעשטראפען מיט דערנער, און וואס איז געווען דער רעזולטאט פון דעם דאזיגען דיספּאטישען ענפער וואס רחבעם האט געגעבען דער דעלעגאציע לויט די יוגענד האט איהם געראטען? דאס פאלק האט זיך רעוואלטירט, זיי האבען געבראכט א קאנקורענט אויף דעם אידישער מלוכה, ירבעם'ן, און די אידישע מלוכה איז צוריסען געווארען אויף צווייען, וועלכע האבען געפירט צווישען זיך שטענדיגע מלחמות און פארארעמט און פאראומגליקט דאס פאלק.

אויך אין די שפּעטערע צייטען, פאר'ן חורבן בית שני האט זיך געצויגען דער אומגליק פונ'ם פאלק דורך דעם וואס ס'איז געווארען א שפּאלטונג צווישען די יוגענד און דעם עלטערען דור, די יוגענד האט זיך א ווארף געטאן מיט א גרויסען אימפעט צו דער אסימילאציע, זיי האבען פערווארפען די אידישע מנהגים, די טראדיציע פון זייערע אבות און האבען אנגענומען פרעמדע מנהגים, זיי האבען געווארפען א אום־חן אויף זייער אייגענער קולטור און זיך א ווארף געטאן מיט א גרויסען ברען צו די גריקישע און רוימישע קולטורען, און עס איז ענשטאנדען צווישען אידען צוויי פארטייען, פרושים און צדוקין, די יוגענד האט זיך גראפירט אונטער דער פאן פון דער דאמאלסדיגער אסימילאציע און האבען געבילדעט א בעזונדערע

---

1-2) מלכים א. י״ב.

פעקטע צווישען אידען מיט'ן נאמען צדוקין, ווערענד דער עלטערער דור זענען נעבליבען טריי די טראדיציע פון זייערע עלטערן אין האבען זיך גראפירט אונטערן נאמען פרושים. און האט די דאזיגע טיילונג פון יונג און אלט האט פאראורזאכט אז עס זאל פארנאסען ווערען טייכען אידיש בלוט, די צדוקין זענען געווארען די פארביסענסטע שונאים פון די פרושים, זיי האבען איינגעפירט פרעמדע זיטען און פרעמדע מנהגים, מבטל געווען פיל מצות פון דער תורה, החתונה געהאט מיט פרעמדע פרויען און פיל פון זיי האבען זיך אויס געשמד, געלייקענט אין גאט פון ייערע אבות און אדאפטירט פרעמדע תורות, פרעמדע זיטען און פרעמדע מנהגים.

גרויס און שרעקליך זענען געווען די צרות וואס די אסימילאנטען און משומדים האבען געבראכט אויפ'ן אידישען פאלק, קיין פרעמדער שונא האט קיינמאל נישט געוואוסט אויף אזוי פיל שלעכ'ן טאן די אידען ווי די איינענע שונאים האבען דאס געוואוסט צו טא'ן, משומדים האבען תמיד געזוכט אויסצוטראכטען אויף אידען בלבולים און ברייגנען אויף זיי גרויסע צרות, די שנאה פון די משומדים צו זייערע אמאליגע גלויבענסגענאס'ן האט געברענט מיט א העליש פייער, דא פאסט זעהר דער אנעקדאט וואס ווערט דערציילט וועגען א משומד, א משומד איז א מאל פארמשפט געווארען פאר א גרויסען פארברעכען צום טויט, דורך הייגגען, א טאג פאר'ן היינגען, האט מען איהם נעפרעגט זיין לעצטען פערלאנג, מיין לעצטער פערלאנג האט דער משומד געענפערט, איך זאל צוריק אויסקומען און צוריק ווערען א איד מ'האט איהם באלד געבראכט א רב און ער האט איהם צוריק מגייר געווען, אויפ'ן אנדערען טאג פאר'ן היינגען האט מען איהם ווידער געבראכט דעם רב ער זאל מיט איהם זאגען ודוי פאר'ן טויט, אבער אנשטאט צו זאגען ודוי האט דער משומד א שפיי געטאן דעם רב אין פנים און איהם פון זיך פארטריבען, וואס הייסט דאס ? האט מען דעם משומד געפריינט, ערשט געכטען האסטו אליין פארלאנגט מ'זאל דיך צוריק מאכען פאר א איד, און היינט טרייבסטו פון דיר דעם רב און שפייסט איהם אין פנים. אמת — האט דער משומד, געענפערט — איך בין טאקי נעכטען אויסנעקומען, דאס האב איך אבער געטאן צוליב א אנדערע זאך, איך האב געוואלט —פארשטייט איהר מיך,— אז ווי באלד ס'איז שוין ארוים די גזרה מיך אויפצוהענגען איז אייך־ער צו הייגגען א גוי, זאל מען בעסער א־יפהיינגען א איד ... דיזער אנעקדאט כאראקטיריזירט מיט לעבעדיגע פארבען די פייערדיגע שנאה פון די משומדים צו זייערע געוועזענע ברידער.

אזוי געפונען מיר אין אונזער בלוטיגע היסטאריע פיל אומגליקען וועלכע האבען זיך געצויגען נאר פון די שפאלטונג וואס ס'האט זיך געשאפען צווישען עלטערען און יונגען דור, איצט שטעהען מיר ווידער אויף א זא שטאנד, טיעף און ברייט איז איצט דער תהום צווישען אונזער הייגטיגע יונגנד וועלכע האט אינגאנצען

פערוואַרפען די טראַדיציע פון אונזערע אבות. פיל קאָנצענטרירען זייער גאַנצע אידישקייט נאָר אין נאַציאָנאַלען געדאַנק, ווערענד דעם טעמפעל פון אונזער רעליגיע, דעם קדשי קדשים פון אונזער אמונה פאַרשוועכען זיי און טרעטען מיט די פיס אַלע ה׳ילינגטימער פון אונזער דת, און דער עלטערער דור, וועלכער איז נאָך אין אַ געוויסען מאָס צוגעבינדען צו דער טראַדיציע פון זייערע אבות, שרייט אַזוי ווי אונזער מוטער רחל האָט געזאָגט, הבה לי בנים ואם אין מתה אנכי [1]

אויב אונזער יוגענד וועט געהען ווייטער אויף דיזען וועג וועט דאָס טראַדיציאָנעלע אידענטום אַבשטאַרבען און די פּראַקטיק האָט שוין באַוויזען אַז דאָס אידענטום קען זיך נישט האַלטען אויפ׳ן בלויזען נאַציאָנאַליזם, אויך אונזער תורה האָט זיך דייטליך אויסגעשפּראָכען איהר פּראָטעסט געגען די וועלכע ווילען שטעלען זייער גאַנצע אידישקייט נור אויף נאַציאָנאַליטעט אהן רעליגיע און דת, אַזאַ אידישקייט קען נישט אויסגעהאַלטען ווערען, אַזוי זאָגט דייטליך דער פּסוק, הם קנאוני בלא אל ואני אקניאם בלא עם [2] דאָס הייסט אין קלאָרע דבורים, אַז דאָס אידענטום וועלכעס איז געבויעט אויף בלויזען נאַציאָנאַליזם, בלא אל, אהן גאָטהייט, אהן רעליגיע, אהן אמונה, אהן דת, די ענדע פון אַזאַ אידישקייט איז, אַז עס בלייבט אויך בלא עם, אהן נאַציאָנאַליטעט.

לויט דעם פאַרשטעהען מיר זעהר אַ אינטערעסאַנטער מאמר פון אונזערע חכמים, אויפ׳ן פּסוק, כי ה׳ אלהיכם הוא ההולך לפניכם [3] זאָגען אונזערע חכמים, הם באים בנצחונו של בשר ודם, ואתם באים בנצחונו של מקום, פלשתים באו בנצחונו של גלית ומה היה סופו? שנפל בחרב והם נפלו עמו, אבל אתם אינו כן, כי ה׳ אלקיכם הוא ההולך לפניכם [4] זיי, די פלשתים, האָבען זיך סומך געווען אויף דער גבורה פון אַ מענשען, פון גלית, איז זייער גבורה מיט זיין פאַלק געפאַלען פאַר דער שווערד, אבער איהר, אידען, קומט מיט׳ן בטחון אויף גאָט. דאַריבער האָט איהר זיי מנצח געווען, אין דיזען מאמר האָבען אונזערע חכמים קלאָר און דייטליך אַרויס געזאָגט דעם דערמאָנטען געדאַנק, אַז מיט בלויזען נאַציאָנאַליזם וועלכער איז באַזירט נור אויף קערפּערליכע גבורות, קען מען נישט אבהאַלטען קיין זיכערען זיג, ווייל קערפּערליכע גבורות קענען אַ מאָל אבגעשוואַכט ווערען, אַזוי ווי ס׳האָט פּאַסירט מיט די פלשתים, זיי האָבען זיך סומך געווען אויף די קערפּערליכע גבורה פון גלית, און זיי זענען מיט איהם צוזאַמען געפאַלען נישט אַזוי טרעפט זיך אבער מיט רעליגיעזע געפיהלען, וועלכע זענען באַזירט אויף אמונה און בטחון אין גאָט, אַזעלכע געפיהלען קענען קיין מאָל נישט אבגעשוואַכט ווערען, דער ענטוזיאַזם פון אמונה און גלויבען מוז אבהאַלטען דעם גרעסטען נצחון, דאָס האָט בעוויזען די מלחמה פון דוד מיט גלית, דער ערשטער איז געקומען מיט

1) בראשית כ״ג. 2) דברים י״ט. 3) שם שם. 4) סוטה מ״ב.

נעשליכע גבורה און האט דאריבער אבגעהאלטען א זינ אויף גליתן וועלכער האט זיך סומך געווען אויף בלויזע קערפערליכע גבורה.

דערמיט פארשטעהען מיר אויך א צווייטען מאמר פון אונזערע חכמים, די גמרא דערציילט אונז, מעשה ברבי יהושע בן חנניא שהלך לכרך גדול שברומי אמרו לו תינוק אחד יש בבית האסורים יפה עינים וטוב רואי וקויצותיו סדורות לו תלתלים, הלך ועמד על פתח בית האסורים ואמר, מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים [1] ענה אותו תינוק ואמר, הלא ה' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו, [2] אמר, מובטחני בו שמורה הוראה בישראל, העבודה שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקין עליו אמרו, לא זז משם עד שפדאו בזמן הרבה ולא היו ימים מעטים עד שהורה הוראה בישראל ומנו ר' ישמעאל בן אלישע [3] דער גרויסער תנא ר' יהושע בן חנניא איז א מאל געווען אין רוים, האט מען איהם געזאגט אז א אידיש יונגעל איז פארשפארט אין אסטראג, א יונגעל מיט שעהנע אייגעליך, א שעהנעם אויסזעהען און מיט געקרייזעלטע שווארצע האר, איז ער געגאנגען און האט זיך געשטעלט אויף דער טיר פונ'ם געפיינגנים און האט געפרעגט דאס קינד ווער האט געגעבען יעקב'ן מ'זאל איהם טרעטען מיט די פיס און אז ישראל זאל געראבט ווערען, ? האט איהם דער יונגעל געענטפערט, דאס האט געטאן דער גאט פאר וועלכען מיר האבען געזינדיגט, און מיר האבען נישט געוואלט געהען אין זיינע וועגען און מיר האבען נישט צו געהערט צו זיין תורה, האט רבי יהושע גע־זאגט איך בין זיכער אז דער יונגעל וועט זיין א וועג־ווייזער פאר אידען, איך שווער אז איך טרעט נישט אב פונ'ם פלאץ ביז איך וועל איהם נישט אויסלייזען פאר וויפיל געלד מ'וועט פאר זיין באפרייהונג פארלאנגען, און אונזערע חכמים זאגען, אז ר' יהושע בן חנניא איז טאקי נישט אוועק געגאנגען ביז ער האט דאס יונגעל נישט אויסגעלייזט און אז ס'האט נישט געדויערט פיל ביז ער איז געווארען א אידישער וועג ווייזער, און דאס איז געווען ר' ישמעאל בן אלישע.

איך וויל נישט אנפרעגען א אפען מיט פראגען אויף דיזען מאמר, איך וויל נאר באמערקען איין זאך, אז דאסווארט תינוק וואס איז אומעדום טייטש א קליין קינד איז גראד דא די מיינונג א „יונגעל" אזוי ווי מיר געפונען דער פסוק רופט אן גרויסע אויסגעוואקסענע יונגען מיט'ן נאמען „ילדים" אזוי זאגט דער פסוק בא רחבעם'ן וישמע לעצת הילדים [4] האטש זיי זענען שוין געווען אויסגעוואקסענע גרויסע יונגען רופט ער זיי אן ילדים, אזוי מיינט אויך דא דאס ווארט „תינוק" א אויס־געוואקסענעם יונגען בחור, א סימן אז ער איז געווען קווצותיו תלתלים לו שחורות, אויסגעפוצט מיט א שווארצע פארקעמטע פריזור, וואס דאס איז נור מעשה בחור נישט פון א קליין קינד. דיזער באמערקונג האב איך געמוזט מאכען אום מיר

1) ישעי' מ"ב. 2) שם. 3) גיטין נ"ח. 4) מלכים א. י"ב.

זאלען נוינדליך פארשטעהען דעם דאזיגען מאמר.

דאס איז שוין א גאנץ אלטער וכוח צווישען אונזער יונגער און דעם על־טערען דור, די יונגנד געהט מיט דעם גאנג, אז דער גאנצער אומגליק וואס די אומות העולם האבען אונז אזוי פיינד נעמט זיך נאר דערפון וואס מיר זענען אב־געזונדערט פון זיי, מיר עסען נישט זייערע מאכלים, מיר טרינקען נישט זייערע משקאות מיר זענען זיך נישט מיט זיי משדך, וואלטען מיר זיך מיט זיי גענצליך אסימילירט וואלטען מיר געלעבט מיט זיי צוזאמען וואלט אינגאנצען פארשווינדען די שנאה פון די פעלקער צו אונז און עס וואלט קיין אנטיסעמיטיזם נישט עקסיס־טירט אויף דער וועלט, דער עלטערער דור, זאגט אבער, ניין, דער גאנצער אומגליק און די גאנצע שנאה פון די פעלקער צו די אידען נעמט זיך נאר דערפון וואס די אידען אסימילי־ען זיך מיט זיי, פערלאזען זייער תורה, זייערע מנהגים און אראפ־טירען פרעמדע תורות און פרעמדע זיטען, דערמיט וואס מיר דערנעהענטערן זיך צו פיל צו די אומות העולם זענען מיר גורם זייער שנאה צו אונז. וואלטען אידען געהיט זייער אייגענע תורה און זייער אייגענע קולטורע, וואלטען די אומות העולם נאר נישט געהאט מיט אונז און די תורה וואס מיר וואלטען געהיט וואלט אונז נאך מעהר געהיט און קיינער וואלט אונז נישט געקענט טאן קיין שלעכטס.

רבי יהושע בן חנניא האט געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית שני, אין דער צייט ווען עס האט זיך געבילדעט צווישען אידען צוויי סעקטען, די צדוקין און די פרושים, ווי מיר האבען שוין געזאגט, האט זיך די יונגער א ווארף געטאן מיט איהר גאנצען ברען צו דער אסימילאציע זיי האבען אנגענומען אלע פרעמדע מנהגים פון די רוימער און די גריקען און זיי האבען פארמירט די סעקטע מיט'ן נאמען צדוקים, ווערענד די פרושים זענען בעשטאנען פון די יעניגע אידען פונ'ם עלטערען דור וועלכע האבען מיט זייערע אלע קרעפטען פארטיידיקט די טראדיציע און די אמונה פון זייערע אבות, און ווען די רוימישע מאכט האט פארשפרייט איהר שווארצע ממשלה איבערן אידישען לאנד פארברענט דעם בית המקדש און פארגאסען טייכען אידיש בלוט און פארטריבען פיל פון די גרעסטע חכמי ישראל קיין רוים, דאמעלס האט זיך צוברענט דער וכוח צווישען די אסימילאנטען און די תורה טרייע אידען, יעדער פון די צוויי פארטייען האבען ארויף געווארפען די פאראנטווארטליכקייט פון די אידישע אומגליקען אויף דער אנדערער. דיזער וכוח איז געווען א טאג פראגע וועלכע האט דאמאלס באשעפטיגט אלע מהות.

רבי יהושע בן חנניא אליין איז געווען איינער פון די חכמי ישראל וואס זענען פארטריבען געווארען פון ארץ ישראל קיין רוים, זייענדיג אין רוים האט מען איהם דערציילט אז איינער פון די וואוילע יונגען א געפיצט בחורל א קאמ־פלעקטער אסימילאנט, געקליידעט נאך די לעצטע מארע, מיט געקרייזעלטע האר

איז אויך אין געפענגנעס, דאמעלס איז רבי יהושע בן חנניא געגאנגען און האט זיך געשטעלט אויף דער טיר פונ׳ם אסטראג און געפריינט דאס בחורל, זאג מיר נאר די אסימילאנטעל, מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים, וועלכעס איז די ריכטיגע סבה וועלכע פעראורזאכט די אידישע אומגליקען, מיר, תורה טרייע אידען וואס מיר היטען אונזער דת. צו איהר וואוילע יונגען וואס איהר דינט טריי דעם אבגאט יין דער אסימילאציע, איך זעה, האט איהם רבי יהושע בן חנניא געזאגט, אז אייער אסימילאציע האט אייך גאר נישט געהאלפען און אפילו אזא געפוצטער אסימילאנט ווי די ביזט איז אויך אין אסטראג און די שנאה פון די רוימער צום אידישען פאלק שווינעוועט דיך אויך נישט, זאלסטו מיר דאדיבער מו״ה זיין ווער ס׳איז שולדיג אין די אידישע צרות, צו די תורה טרייע אידען צו איהר אסימילאנטען וואס איהר פארווארפט די תורה פון אייערע אבות, יא רבי—האט איהם דער אסימילאנטישער בחור׳ געענפער׳ט, איך בין מודה, איך זעה אז מיין גאנצע אסימילאציע האט מיר גאר נישט געהאלפען, איך זעה אז די ביזט גערעכט רבי, די סבה פון די אידישע צרות איז, הלא ה׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו, וואלטען מיר געהיט די תורה אין נישט פארכאפט געווארען אין דער נעץ פון דער פארשאלטענער אסימילאציע, וואלטען מיר נישט צוגעקומען צו די אלע אומגליקען. ווען ר׳ יהושע בן חנניא האט דערהערט אז דער אסימילאטארישער בחור איז מודה, אז נור די אסימילאציע איז שולדיג אין די אידישע אומגליקען, האט ער מיט א גרויסען צופרידענהייט אויסגערופען מובטחני שיהי׳ מורה הוראה בישראל, אט דער אסימילאטארישער בחור וועלכער האט אנערקענט דעם אמת, דער וועט קענען זיין דער ריכטיגער וועג ווייזער פאר די וואס בוקען זיך צום אבגאט פון דער אסימילאציע, דיזער בחור וועלכער א״ז אויך געווען א אסימילאנט און האט צום סוף אנערקענט די פאלשקייט פון דער אסימיליאציע, ער וועט זיין אומשטאנד אום צו קערען די יוגענד אויפ׳ן ריכטיגען וועג אין זיי ווייזען דעם אמת׳ן דרך, און עס איז דאריבער ווערט איך זאל געבען וויפיל מ׳פארלאנגט פאר איהם און איהם בעפרייען, און רבי יהושע בן חנניא האט טאקע אויסגעלעזט דעם דאזיגען ב״ור וועלכער איז שפעטער געווארען דער וועג ווייזער, דער לעהרער פונ׳ם אידישען פאלק, בעקאנט מיט׳ן נאמען ר׳ ישמעאל בן אלישע.

ס׳איז געווען א צייט וואס אידען האבן געמיינט אז דערמיט וואס זיי וועלן זיך וואס מעהר דערנעהענטערן צו די אומות העולם און וואס מעהר דערווייטערן זיך פון זייערע אייגענע קולטור, פון זייערע אייגענארטיגע זיטען און מנהגים, וועט זיי אלץ בעסער געהען, זיי וועלען דורכדעם געפונען חן אין די אויגען פון די פעלקער און עס וועט זיי נאר וואויל געהען אין די גלות לענדער, איז אבער געקומען, דער דייטשער היטלעריזם און האט באוויזען דעם פאלימענט פון דער אסימילאציע

דער דייטשער ראס׳סם האט באוויזען, אז אומזיסט וועלען זיך אידען באמיהען מיט אלע מיטלען זיך צו פאראייניגען מיט די גוים, זיי, די פעלקער וועלען קיינמאל נישט ליב האבען די אידען, דאס איז א שנאת עולם לעם עולם, א אייביג פיינד־שאפט צום אייביגען פאלק, אזוי ווי אונזערע חכמים זאגען, למה נקרא שמו סיני, מפני שירדה שנאה לישראל לעולם,[1] דאריבער הייסט דער בארג אויף וועלכען דאס אידישע פאלק האט מקבל געווען די תורה, סיני, פון לשון שנאה, פיינד־שאפט, ווייל פון יענעם מאמענט ווען אידען זענען געווארען א פאלק מיט א אייגע־נער תורה, האבען זיי די פעלקער אנגעהויבען פיינד צו האבען דא קומט פאר פונקט אזוי ווי ס׳האט געטראפען מיט יענעם שדכן, מ׳דערציילט אז אין א שטעטעל האט געוואוינט א איד א יורד, וועלכער איז פון אלע זיינע אמאליגע געשעפטען געבליבען אהן פרנסה, זייענדיג א חסיד איז ער געפאהרען צום רבין, ער זאל איהם ראהטען צו וואס פאר א פרנסה ער זאל זיך נעמען, דער רבי האט איהם געראהטען, אזוי ווי צו יעדער מסחר מוז מען דאך האבען געלד און ער, דער איד, האט קיין געלד נישט, איז דער בעסטער פלאן פאר איהם ער זאל ווערען א שדכן, דאס איז אזא באשעפטיגונג צו וועלכען מען נויטיגט זיך נישט אין קיין געלד, דעם אידען איז געפעלען די עצה פונ׳ם רבין און איז א היים געפאהרען גאנץ צופרידען, ער האט שוין ב״ה א פרנסה און אז השי״ת וועט איהם נור געבען הצלחה, האט ער שוין נישט וואס צו זארגען, איצט האט דער איד אנגעהויבען צו טראכטען וועגען איין זאך, וואו נעמט מען שדוכים,? אויף א מאל איז ער אבער פריילין געווארען און זאגט צו זיין פלוניתטע, הערסט׳, א גליקליכער געדאנק איז מיר איינגעפאלען, ס׳קען זיין מיר זאלען רייך ווערען, די ווייסט דאך אז דער נגיד פון אונזער שטעטעל, האט זעהר א געראטענע בת יחידה און ער וויל זעהר א שדוך טאן מיט איהר, איז מיר איינגעפאלען איהם ריידען א שדוך, און זעהר א וואוילען שדוך, די קענסט דאך דעם אוקריינער בחור וועלכער זיצט אין בית המדרש יומם ולילה אין לערענט, א גרויסער מתמיד און דערצו זעהר א פרומער, פאסט תעניתם און פראוועט מקוואות און האט כסדר אין זינען יענע וועלט, איז מיר איינגעפאלען איך זאל פארגעבען דיזען בחור דעם נגיד פאר זיין טאכטער נור איין זאך האב איך מורא, זאגט ווייטער דער איד צו זיין באשערטער, לויט מ׳רעדט אין שטאט איז דער נגיד שוין א היינט וועלטינער, דאוועגט נישט בצבור און לייגט נישט קיין רבינו תם׳ס תפילין, און אויף זיין בת יחידה זאגט מען אז זי קען שוין פראנצויזיש, געהט אין טעאטער, קען זיין אז דער בחור וועט נישט וועלען דעם שדוך, ווייל דער מחותן און די כלה זענען נישט גענוג פרום, נור שא מיין ווייב, איך האב א עצה, און אויב די עצה וועט מיר געראטען איז מיין פארדינסט געזיכערט, און מיר וועלען שוין אויף די

---

1) שבת פ״ט.

עלטערע יאהרען נישט האבען וואס צו זארגען, איך וועל איינרעדען דעם בחור, אז אדרבה, ווייל דער נגיר מיט זיין טאכטער זענען נישט גענוג פרום, דארף ער טאן דעם שדוך, ווייל אויב ער וועט א חתן ווערען פאר'ן נגיר'ס טאכטער וועט ער זיי אלע פרום מאכען, און קיין גרעסערע מצוה פון מזכה זיין את הרבים איז נישט פאראהאַען, מיט דיזען געדאנק איז דער איד אוועק צום בחור אין בית המדרש, און איהם פאַרגעלייגט דעם שדוך מיט'ן נגיר'ס בת יחידה'קע, אבער ווי איבעראשט איז דער שדכן געווארען, אז ער האט דערהערט ווי דער בחור איז תיכף מסכים אויפ'ן שדוך אין ער האט גאר נישט גויטיג דעם דערמאנטען ארגומענט, פון מזכה את הרבים זיין, דער שדכן איז אוועק אהיים מיט גרוים שמחה און האט איבער געגעבען זיין וייב די בשורה, אז דער אוקריינער בחור איז מסכים צום שדוך, און אז ס'בלייבט נור איבער ער זאל ארויף געהען צום נגיר, ער זאל איהם באשטעטי־גען א צייט ווען עס זאלען זיין די תנאים למזל.

דער שדכן האט טאקי נישט געווארט קיין סך, זיך שוין אנגעטאן די שבת' דיגע קאפאטע, זיך אויסגעקעמט די בארד און פאות, גענומען דעם זאנטאג (שירים אין האנד, אנגעפילט דאס פישקאלע מיט טאביקע, און איז מיט א פרייליכע שטי־מונג ארויף געגאנגען צום נגיר, דער נגיר מיט זיין פאמיליע זענען דאמעלס געזע־סען באם טיש, ווען דער שדכן האט געעפענט די טיר, האט מען איהם עמפפאנ־גען מיט א שעהנעם ברוך הבא, זיצט ר' יענקיל, א גאסט בא אונז אין שטוב, עפים נייעס? זאגט...

ר' יענקיל האט זיך געגעגען א גלעט די בארד, מעשה שדכן, און זאגט צום נגיר, פארשטעהט איהר מיך, אזוי ווי איך וויים אז איהר ווילט זעהר א שדוך טאן מיט אייער איינאינאייציגע טעכטערל, זאל לעבען, בין איך אייך געקומען אנגעבען זעהר א פיינעם שדוך אזוי ווי עס פאסט פאר אייך — מהיכי ת'תי — האט דער נגיר געענפערט מיט א שמייכעל — לאמיר הערען — איך מוז אייך אבער מקדים זיין — נגיר לעבען — זאגט ווייטער דער שדכן, אז פון דעם שדוך וואס איך גיב אייך אן קענט איהר און אייער טאכטער און אייער גאנצער סימייסטווע ב'ה זעהר פיל פראפיטירען, — נו, ווער איז דער שדוך לאמיר הערען — האט דער נגיר שוין אביסעל נייגייריג געפרעגט...

אבער איהר פארשטייט שוין אליין רבותי אז ווי באלד דער שדכן האט נור דערמאנט דעם נאמען פונ'ם חתן, איז דער נגיר מיט זיין גאנצער פאמיליע געווארען מלא כעס, און פשוט אהן צערעמאניעס אנגענומען דעם שדכן בא די פלייצעס און איהם אראב געשליידערט אלע טרעפ.

דעם נארישען איד האט זיך גאר נישט געחלומט, ס'איז איהם אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען, אז דער נגיר מיט זיין בת יחידה וועלען נישט וועלען

אפילו הערען פונ'ם אוקריינער בית המדרש בחור, ער האט נור נעהאט א זארג אז דער בחור זאל וועלען דעם שדוך...

דאס זעלבע האט פאסירט מיט אונזערע אסימילאנטען, זיי האבען געמיינט אז די גאנצע מניעה איז נור פון זיי. אבער ווי באלד אז זיי וועלען נור מסכים זיין זיך משדך זיין מיט די אומות העולם וועלען די לעצטע אויך באלד מסכים זיין, זיי האבען נישט נחלום'ט, אז די מניעה קען נאר זיין פון די פעלקער, אז עס קען נאר ענטשטעהען א היטלעריסם מיט א ראסיסם, וועלכער זאל פשוט איינפאך אן נעמען די אידישע אסימילאנטען בא די פלייצעס און מיט זיי א שליידער טאן, אזוי ווי יענער נביר האט ארויס געווארפען דעם נארישען שדכן פון זיין הויז...

און אידען פון דער גאנצער וועלט וואלטען בעדארפט פיל לערנען פון דעם וואס האט פאסירט אין דייטשלאנד. אידען וואלטען בעדארפט קאנצענטרירען זייער אלע כחות און זייער גאנצע ענערגי צו קאנסערווירען אונזער טראדיציאנעלע היילינטימער. וויל אבער דער יונגער דור אונזערער נישט וויסען פון דעם אלעמען און שמייכלען זיך ווייטער צו צי דער פערשאלטענער אסימילאציע.

אבער ווער טראגט די פעראנטווארטליכקייט וואס אונזער יונגער דור איז אזוי צו צולאזען און איז פון אונז אזוי דערווייטערט? די פאראנטווארטליכקייט טראגט טאקי ווידער דער עלטערער דור וועלכע פארנאכלייסיגען די ערציונג פון זייערע קינדער, כל זמן די אידישע טאטע מאמעס האבען געהאלטען אפען זייערע אויגען אויפ'ן חנוך פון זייערע קינדער האט טאקי אויסגעוואקסען א דור פון אכת'ע אידען, אין די לעצטע צייטען אבער ווען אידישע טאטע מאמעס האבען פארמאכט די אויגען פון די ערציונג פון זייערע קינדער, זענען אונזערע קינדער אוועק פון אונז און ס'איז ענטשטאנדען א שרעקליך טיפער תוהום צווישען אונזער יוגענד און עלטערען דור און די עקסיסטענץ פונ'ם גאנצען אידענטום איז דאריבער אין א גרויסער סכנה, ווייל פונקט ווי בא א איינציילען מענש איז זיין גאנצער לעבען נאר געצילט ווענען צו לערנען זיינע קינדער דעם גוטען וועג, זאנסט איז גאר א שאנדע וואס ער לעבט אויף דער וועלט אזוי איז דער ציל פונ'ם לעבען פונ'ם גאנצן פאלק נאר צי לערנען די יוגענט דעם אמת'ן ריכטיגען וועג פון אמונה און גלויבען.

איך דענק אז עס איז שוין די העכסטע צייט אידען זאלען טראכטען צו פארבעסערן דעם חנוך פון אונזערע יוגענד און דאן וועלען אונזערע קינדער זיין אין דער בחינה פון יצחק אויף וועלכען די תורה זאגט, אלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק, דער טאטי וועט זיין א כבוד פאר'ן זין און דער זין וועט זיין א כבוד פאר'ן טאטען.

# לקוטים ממבחר הדרושי·

## על הפסוקים ומאמרי חז״ל והענינים הנזכרים בהדרשה הקודמת

## תולדות·

א) ואלה תולדות יצחק בן אברהם, אברהם הוליד את יצחק (בראשית כ״ה) במדרש, הה״ד, גיל יגיל אבי צדיק ויוליד חכם ישמח בו. (משלי) הגאון מלבי״ם ז״ל הורה לנו ההבדל בין גילה ושמחה, כי גילה היא השמחה העוברת הפתאומית, והשמחה היא שמחת הנפש התמידית, והנה אם יאושר האב והוליד צדיק הלא גיל יגיל גילה אחר גילה ודיצה אחר דיצה אבל עוד לא ישמח שמחה עולמית, אבל אם הבן הצדיק הזה יוליד ג״כ בן חכם, אז ישמח בו האב הזקן שמחה תמידית, כמ״ש מי שהוא ת״ח ובנו ת״ח ובן בנו ת״ח וכו׳ שנא׳ לא ימישו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה׳ מעתה ועד עולם, וכמש״ה, עטרת זקנים בנים, וז״פ הפסוק, גיל יגיל אבי צדיק כי האבי צדיק רק יגיל גילה עוברת בלתי תמירית, אבל, ויוליד חכם, אם הצדיק הזה יוליד ג״כ בן חכם, אזי ישמח בו האב הזקן שמחה שלמה ותמידית, כי זכה לבנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, והנה אברהם הוליד את יצחק ושמח בו שמחה אין קץ רק אחר שראה תילדותיו מעשי ידיו להתפאר כי ירע כי ביתו נעשה אכסניא של תורה ושל יראת שמים, ותורה חוזרת על אכסניא שלה· [1])

ב) ובזכרנו ההבדל בין גילה לשמחה, אזכיר פה מה שאמרתי פעם באחת מדרשותי ביאור על אגדה נפלאה מאר, והיא במסכת (סוכה מ״ח) הני תרי מיני חד שמי׳ ששון והד שמי׳ שמחה, א״ל ששון לשמחה, אנא עדיפנא ממך, דכתיב ששון ושמחה ישיגו, א״ל ששון לשמחה אנא עדיפנא ממך, דכתיב, שמחה וששון ליהודים׳ א״ל ששון לשמחה יהד יומא שבקוך ושווייך פרוונקא (שליח) דכתיב, כי לשמחה תצאו, א״ל שמחה לששון חר יומא שבקוך ומלו בך מיא דכתיב, ושאבתם מים בששון, א״ל ההוא מינא דשמי׳ ששון לר׳ אבוהו, עתידו דתמלו לי מיא בעלמא דאתי, דכתיב ושאבתם מים בששון, א״ל מי הוה כתיב לששון כרקאמרת, השתא דכתיב בששון, משכי׳ דההוא נברא משוינן לי׳ גורא (נד) ומלינן בי׳ מיא

1) הרה״ג ר׳ זאב צבי קליין·

ע"כ. אך למותר הוא להוכיח זרות המאמר הזה, והוכות שבין הני תרי מיני ששו ושמחה שהשתמשו בהפסוקים שנזכר בהם שמותיהם וגם סיום המאמר שאמר ששון לר' אבוהו ומה שהשיב לו אינו מובן, ואמרתי עפ"י הידוע ששתי שיטות שררו בימים מקדם ועקבותיהם נודעו גם היום, לפי השיטה האחת, העיקר הוא הנפש, אבל הגוף כל מי שמסגפו ביותר הרי זה משובח, והאוחזים בשיטה זו כלו עתותיהם בהתבודדות ביערות ומדבריות, בלי מזון, כסות ושלמה, והנה הדרך הזה הוא זר לרוח התורה היהדות, כי לא באלה חפצה תורת משה שהיא תורת חיים וכתיב וחי בהם ודרשו ר"זל ולא שימית בהם, כי כל חקי התורה מתאימים עם חיי האדם וצרכיו בזה העולם, והתורה כתבם רק השמר לך ושמור נפשך מאד, ושמעתי בשם גדול אחד פירוש הפסוק הזה, שלכאורה הוא כפל לשון. ואמר עפ"י הידוע שהתורה צותה לאדם לשמור גם את גופו גם את נשמתו, ושתהי' נשמה בריאה בגוף בריא, ועל בריאת הגוף כבר אמרו, ניזל ונגמול חסד להדא אכסניא דאית בגו ביתא (ויק"ר פל"ד) וגם אמרו חז"ל, כל היושב בתענית נקרא חוטא (תענית י"א) כי עפ"י התורה אסור לאדם לצער את עצמו, ולפ"ז נקרא הנזיר חוטא, כמ"ש וכיפר עליו מאשר חטא, מפני שציער עצמו מן היין, ומאי מי שציער עצמו רק מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר אעכ"וכ, בכל זאת צריך האדם ביותר להזהר בשמירת נפשו, כי את הגוף צריך לשמור במדה מוגבלת בלי הנאות מותרות לא כן שמירת הנפש שצריך אדם ליזהר בשמירתה כהנה וכהנה וכל המרבה בשמירות וזהירת נפשו הרי זה משובח, וידוע דאכין ורקין מעטין. וע"כ אמרה התורה, רק השמר לך, בנוגע לשמירת הגוף אמנם תשמור אותו, אבל לא במותרות ובתענוגים מרובים, אבל בנוגע לנשמתך, ושמור את נפשך מאד, את הנשמה תשמור במדה מרובה ובזהירות יתירה מאד, וכמו שפירוש הגר"א זצ"ל את הכתוב, ולא תאכל הנפש עם הבשר התורה הזהירה בזה, שלא יהיה האדם להוט אחרי האכילה, עד אשר יאכל וישחית גם את נפשו עם אכילתו את הבשר, מזה נשמע שדרך אלה שהתבודדו ופירשו א"ע מן הישוב, ודכאו וסגפו את גופם אינו לפי רוח התורה היהדות ולעומת השיטה הנזכרת, היא שיטת בעלי התאוה המסורים לחיי ותענוגי בשרים, אלה האומרים אכול ושתה כי מחר נמות, ומוסרים עצמם לחיים של הוללות שכרות וזימה וכל תאות נמבזות, והדרך הזה הוא בודאי נגד התורה, שמיוסדות על תורת המדות והמוסר, על עקרי האמונה בשכר ועונש ומציאת הנפש וכדומה.

והנה ההבדל בין השני השמות הנרדפים ששון ושמחה כפי שמובא בם חותם תכנות להבדרשי הוא כי ששון מורה על הנאת וחדות הגוף, ושמחה מורה על שמחת הנפש, ומעתה נאמר כי הני תרי מיני חד שמי' ששון וחד שמי' שמחה הוא כנוי לשני בני אדם העומדים בראש, השתי שיטות הנזכרות, כי זה שמחזיק בשיטת בעלי החומר המכחידים במציאת הנפש ומבלים עתותיהם רק בתאוות מהנאת

הנוף, שמו ששון, שמורה על הנאת ותעניני הנוף, והשני המחזיק בשיטת בעלי הנפש, המדכאים ומסגפים את הגוף, שמו שמחה, המורה על הנאת ושמחת הנפש ושני אלה התוכחו זע"ז. וכל אחד אמר אנא עדיפנא ממך ומביא ראיה לשיטתו מן הכתוב, זה מן הפסוק ששון ושמחה, שמזה שהכתוב מקדים ששון לשמחה היא ראיה ברורה שהעיקר היא רק הנאת הנוף, וזה מן הכתוב, שמחה וששון, שמזה משמע שהעיקר הוא שמחת הנפש, כי מקדים שמחה לששון, וכשראו שכל אחד מביא ראיה מן הכתוב לחזק שיטתו, חדשו וכוחם והביאו פסוקים חדשים, וששון אמר לשמחה, יומא חר שבקוך ושויך פרוונקי, רמז לו הזה כי הנפש הוא רק בבחינת שליח לשמש את הנוף שהוא העיקר, והביא לזה ראיה מן הפסוקים. כי בשמחה תצאו, אז פנה זה שהחזיק בשיטת בעלי הנפש, והביא פסוק המראה היפך שיטתו של מתנגדו. כי הנוף הוא טפל לנשמה כמ"ש. ושאבתם מים בששון, וכשראה זה שהחזיק בשיטת הגוף שלא יוכל לנצח את כתנגדו, פנה לאחד מחכמי ישראל מצוינים ר' אבוהו, ואמר עתידו דתמלו לי מיא לעלמא דאתי, והוכיח לו שבימים הבאים עת תתברר סוף כל סוף האמת לאמתו, אז יתברר כי הצדק אתו שעיקר הוא הנאת הנוף וכולם ישמשו לו לרביא לו מים ר"ל תענינים והנאות הגוף, דכתיב ושאבתם מים בששון, אבל ר"א השכיל להשיב לו תשובה נצחת. ואמר לו כי בששון כתיב, ויומא חר שבקוך ומלו בך מיא, ר"ל שהגוף בהנאותיו ישמש רק לקיום הנפש שהיא העיקר, לפי השקפת הדת היהודית שנפש בריאה תוכל להיות רק בנוף בריא. והבן [1]

נ) ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם, אשר ילדה הגר המצרית (בראשית כ"ה) אפשר לומר בזה עפי"מ שפירש הגר"א ז"ל את הכתוב, בן חכם ישמח אב ובן כסיל תונת אמו (משלי) דהנה אנו רואים ילדים שהם דומים בכל הענינים אל אביהם, ואם נראה ילד כזה נוכל לדעת מי הוא אביו, ויש ילדים שהם דומים בכל דבר לאמם, ועפ"י רוב נמצא שהילד שנברא מחלק האב והוא דומה לו בכל ענין, הילד הזה הוא חכם ואיש ישר, ולהיפך הילד שדומה לאמו ונברא מחלק האם, הוא בן לא חכם ועצל, ולכן אמר שלמה, בן חכם ישמח אב, מכיון שהוא דומה לו. ישמח לבו בחכמתו, ובן כסיל תונת אמו. כי מכיון שהוא דומה לה לכן יש לה תונה מכסילתי, וזש"ה ואלה תולדות ישמעאל בן אברהם, כלומר הן אמנם שישמעאל הי"ה בן אברהם, אבל הבן הזה לא נברא מחלק אביו רק, אשר ילדה הגר המצית, שהיה דומה לאמו, ולא לאברהם, ולהיפך ממנו היה יצחק כי, אברהם הוליד את יצחק, כי הוא היה מחלק אברהם, ועפ"ז נבין מ"ש בילקוט (משלי) בן חכם ישמח אב, זה יצחק, ובן כסיל תונת אמו, זה ישמעאל. והבן. [2]

---

1) ד"ע. 2) דרה"נ רא"א יודאלאוויץ נ"י־יארק.

# א טיפ פון א אידישן פילאנטראפ.

פאראהן מענשען וועלכע צייכנען זיך אוים אויף פארשידענע געביטען, זעלטען איז אבער צו געפונען א מענש וועלכער זאל האבען די אמביציע זיך אויסצוציי־כנען אויפ'ן פילאנטראפישען געביט.



ה' שמואל וואלדמאן

איינער פון די וועלכע האט ענטוויקעלט דעם געדאנק צו פאראייביגען זיין נאמען דורך פילאנטראפישע מעשים, איז דער בעקאנטער פילאנטראפ פון אונזער שטאט ה' **שמואל וואלדמאן** ווען איהר קומט אריין אין בהכ"נ זיסו הערמאן דער־זעהט איהר באלד אויף דע־וואנד א מאר־מארנים טאפעל, אויף וועלכען די בעלי בתים פון דיזען בית המדרש דרוקען אוים אין א שעהן עבריאישע שפראכע זייער דאנק־בארקייט צו ה' **שמואל וואלדמאן** פאר זיין ארובער 35 יאריגער טיטינקייט אין דיזען בהמ"ד וועלכעם ער האט באפוצט און באשעהנט אויפ'ן הויכסטען גראד, ווען איהר געהט דורך דאס אידישע שפיטאל, דערזעהט איהר א נייעם פליגעל מיט אלע מאדערנעסטע כירורגישע איינריכטונג אויף וועלכערס וואנד עס שיינט א מארמור מיט גאלדענע אותיות **שמואל וואלדמאן** און זיין פערשטארבענע פרוי **שרה רבקה** ע"ה, ווען איהר בעזוכט דעם אזיל (מושב זקנים) דערבליקט איהר תיכף בעטליך מיט אלע באקוועמליכקייטען און דער נאמען **שמואל וואלדמאן** גיט א בליסק פאר אייערע אויגען, ווען איהר געהט דורך די גאס ק' נעגרי, דערזעהט איהר א מארמור איין געמויערט אין א שטאקינגען פלאט אויף וועלכען עס איז ווידער מיט געלדענע אותיות אויף געשריבען דער נאמען **שמואל וואלדמאן** וועלכער האט דיזען פלאט געשענקט דעם יאסער שפיטאל און דעם יאסער בית היתומים. דיזער פילאנטראפ האט זיך אבער נישט בעגנוגט מיט דעם אליין זיין פילאנט־אפישער גייסט האט א שוועב געטאן ביז אין לאנד פון אונזערע אבות וואו עס ווערט איצט געבויעט אויף זיינע קאסטען א סאשעע וועלכע וועט געווים אויף זיך טראגען דעם נאמען **שמואל וואלדמאן**, און מי יודע וואס פיר א פילאנטראפישע פלענער עס איז נאך פאראהן אין זיין מח און אין זיין הארץ. דער נאמען **שמואל וואלדמאן** איז ווערט ער זאל דערמאנט ווערען אויך אין מיין „ספר הדרשות" פאר וועלכען ער וועט געווים שפענדען א סומע וועלבע זאל מיר פארגרינגערען צו ענדיגען דיזען וויכטיגען ספר אויף גאנץ תורה, וועלכער וועט זיין א אוצר אין יעדען אידישן הויז.

# ביבליאטעק אידישע וויסענשאפט

ערשינענע ביכער פון הרה״ה מר שמואל שוועמער הי״

1) בית ועד לחכמים (עברית) נמצא עקסעמפלרים מעטים

2) פולשטענדיגע כראנאלאגיע פון דער אידישער געשיכטע (נעפונט זיך נאך זעהר ווייניג עקזעמפלא־ן)

3) הונדערט יאר אידישע געשיכטע פון 1829 ביז 1929 (עפואיזאט)

4) תורת הנפש (עברית) נמכר

5) דער טויטן־קולט בא אידן צווי טייל (עפואיזאט)

6) ספר קונטרס מלואים ותיקונים לספרי עזרה להבין להרב ר״ יצחק מעלער ז״ל מבולגראד (עפואיזאט)

7) „דער נייער ספר הדרשות" אויף גאנץ תורה און אויף אלע ימים טובים ערשטער העפט בראשית, צווייטער העפט נח, לך; דריטער העפט: וירא, חיי שרה; און פירטער העפט: תולדות 100 לעי

8) אידישע וויסענשאפט 19־טער יא־נאנג א גאנץ יאר 240 „
פאר כלי קדש בעלי מלאכות און איינגע־שטעלטע נאר 160 „

ווער עס באצאלט פאר א גאנץ יאר פאר די „אידישע וויסענשאפט" בעקומט די אלע אויסגע־רעכענטע ספרים פאר האלב פרייז.

ב ע ״ ה

מ ו ד ע ה !

ספרי דרוש, ספרי יראים, ספרי חסידות, ספרי קבלה, ספרי השכלה, ספרי דברי ימי עולם בעברית וביהודית יש למצא אצלי במקח השוה.

כ ת ו ב ת י :

**Rabin Ş. ŞFEMER, Sft. Lazăr 2 Iaşi România**